# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 18 • מאנטאג, י"א טבת תשפ"ז • 21סטן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויחי**

יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ

תהלים קכח, ב

**אין דעם נומער**

**אונזער מצב הפרנסה**
שמעקעדיג • הויפט־ארטיקל

**לאמיר רעכענען**
קרן עזר • חשבון

**ביים קאסע**
פרוקער טראק • איבערלעבונג

**איז ארבעטן א לכתחלה?**
מתתי' גראס און די ליינער • שמועס

**קאדעק: דאס שווארץ בילד**
יוחנן שיף • היסטאריע

**וואס טוט מען נישט פאר פרנסה**
זאלצוואסער • הומאר

# ארכיון

נומער 18 • מאנטאג, י"א טבת תשפ"ז
21סטן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויחי


**הקדמה**

# פרנסה: א נומער וועגן ארבעט און געלט

„יגיע כפיך כי תאכל“ – אזוי האט געהייסן דער מאטא פון „באלעבאס“, א וועכנטליכער אידישער ביזנעס־זשורנאל וואס איז ארויסגעקומען מיט אן ערך פופצן יאר צוריק, און פון וועלכן מיר ברענגען היינט צום ערשטן מאל עטליכע שטיקלעך. דער נומער איז געווידמעט א טעמע וואס באריערט יעדן איינעם: פרנסה. ווי מען מאכט א לעבן, ווי מען שפארט, און וואס מען טוט ווען עס גייט נישט.

אינעם הויפט־ארטיקל שרייט „שמעקעדיג“ א געוואלד אויף אונזער מצב הפרנסה: די שנאר־אקציעס, די הויכע לעבנס־סטאנדארטן, און וואס מען קען טון. אינעם שמועס פון דער וואך פרעגט מתתי' גראס צי ארבעטן איז א לכתחלה אדער א בדיעבד, און די לייענער פון „באלעבאס“ ענטפערן פון אלע זייטן.

„קרן עזר“ נעמט א פען און פאפיר און רעכנט אויס וויפיל א פרישטאג אין רעסטוראנט קאסט א גאנץ יאר – און די לייענער רעכענען צוריק. יוחנן שיף דערציילט ווי אזוי „קאדעק“, די פירמע וואס האט ערפונדן די דיזשיטעל קאמערע, איז אנגעקומען צו באנקראט. אן ארבעטער אין א געשעפט לאזט אונז הערן וואס ער טראכט ווען א קונה בעט א דיסקאונט, און א מוזיק־פירמע זוכט עצות ווי אזוי צו פארדינען אין א צייט ווען יעדער קאפירט. צום סוף גייט „זאלצוואסער“'ס חבר ירוחם יאזעפאוויטש זוכן א דזשאב.

אין די פערל: ווי אזוי מען שפארט געלט, א בריוו צו בעלי חובות, און א זייגער וואס רוקט זיך. אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“: דער באס־סטרייק אין ניו יארק פון 2005, און א קלאג אויפן בארא פארק–וויליאמסבורג באס פון 2007.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | אונזער מצב הפרנסה: עד שתכלה פרוטה מן הכיס • שמעקעדיג | **3** |
| **א שמועס פון דער וואך** | איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה? • מתתי' גראס, יידל, שמעלקא און אנדערע | **7** |
| **וויסנשאפט • חשבון** | לאמיר רעכענען • קרן עזר, שמעלקא און אנדערע | **9** |
| **היסטאריע • ביזנעס** | קאדעק: דאס שווארץ בילד • יוחנן שיף | **11** |
| **איבערלעבונגען** | וואס דער פארקויפער טראכט ביים קאסע • פרוקער טראק און אנדערע | **13** |
| **קולטור • מוזיק און ביזנעס** | מוזיק אלבומ'ס: ווי אזוי צאלט מען זיך אויס? • ה. פוקס, שמעלקא, נפתלי און אנדערע | **14** |
| **הומאר** | וואס טוט מען נישט פאר פרנסה • זאלצוואסער | **17** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיונן • פון די ארכיונן | **20** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיונן | **22** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • מעכל | **23** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **24** |

הויפט־ארטיקל

# אונזער מצב הפרנסה: עד שתכלה פרוטה מן הכיס

א געוואלד־געשריי פון 2014: די שנאר־אקציעס, די הויכע לעבנס־סטאנדארטן און די חובות – און וואס מען קען טון. עטליכע שטיקלעך זענען פארקירצט.

פון **שמעקעדיג**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „אונזער מצב הפרנסה: עד שתכלה פרוטה מן הכיס“ • 29סטן יולי 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6877.html

"געוואלד" איז אווארט וואס ווערט ביליגערהייט גענוצט ליידער, און האט שוין לאנג פארלוירן איר אריגינעלער באדייט. אנשטאט איר ריכטיגער אפטייטש - וואס באדייט א ווײ געשריי פון טיפן הארץ, א מאוימ'דיגע צעבראכענע קרעכץ, עביוזט מען איר, מ'נוצט איר אלס א לאזונג סלאגאן (געווענליך מיט'ן ישראל'ישן 'גיוואאאלד' אקצענט...) אויף זאכן וואס זענען נישט בעצם קיין "געוואלד", אויף פראבלעמען וואס זענען ווערטלעך קעגן אונזערע אמת'ע פראבלעמען, אויף זאכן וואס ברענגען נישט קיין הארצווײ, און פארדינט נישט אויף אן אמת א "געוואלד", אבער וואונדער איבער וואונדער, אז ווען ס'קומט צו אדרעסירן אונזערע אמת'ע טיפע פראבלעמען, דארט איז שטיל. און טאקע אויף דעם שריי איך יעצט "געוואלד". געוואלד אויף אונזער "איגנאראנץ", געוואלד אויף אונזער "ווייטאג".

געוואלד! וואס וועט זיין מיט אונזער מצב הפרנסה!!

דער אשכול איז נישט קיין וויץ, עס קאסט מיר כוחות און געזונט ממש ווי ביים שרייבן דעם על הגאולה, בראותי המצב המתדרדר מיום אל יום ומדחי אל דחי, עס דערקייקלט זיך גאר טיף, אידן ליידן און מאכן מיט, ואין מרחם עליהם.

עס האלט שוין ליידער ביי די סאמע נידריגסטע שטאפלען. עס האלט שוין נאנט פאר א צוזאמענברוך רח"ל, א חלק אידישע קינדער האלטן שוין גאר נאכ'ן בראך. וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל. אידן שרייען פון טיפענישן פון הארצן. יא יא, די זעלבע אידן וואס אין סמעדרעש טרינקט ער לחיים מיט א שמייכל אויפן געזיכט, און זאגט א וויץ מיט'ן טלית אויף דער פלייצע, און גיט א ניקל פאר יעדן עובר ושב וואס גייט נאך געלט פאר אלע צוועקן בארבע כנפות הארץ, דער זעלבער, איז נעבעך אבלתו וצערו בלבו. ער האט נישט קיין פרנסה. ער קען נישט דעקן זיין לעבן.

עס איז בכלל נישט קיין סוד, אלע ווייסן אז דער מצב איז פינסטער און ביטער, די פאר עשירים וואס דרייען זיך צווישן אונז ווערן בטל באלפי אלפים, און ווערן שיער משוגע ווען מען קומט צו זיי נאך געלט פון "איבעראל", אז זיי זאלן שטיצן "יעדן" איינעם. דער ביטער-שווערער מצב ברענגט צו אזעלכע אבסורדישע לעזונגען, און מאכט פארגעסן דעם פשוט'ן זיניגן לאגיק פון אין הקומץ משביע את הארי. מען בעט און מען שנארט אן אויפהער, מצאת החמה עד צאת הנשמה.

מען שנארט נישט נאר פון די עשירים, מען שנארט פון יעדן איינציגן אינגערמאן אדער בעה"ב... יעדער מוז זיך משתתף זיין אין יעדע צוועק און אין יעדע מסיבה, ווייל... ס'איז באו מים עד נפש, און נאך ווי... דער שכן קען נישט אויסהאלטן מער, ער דערטרונקט זיך אין חובות... איי, איך אויך? נו גוט, וועט מען מארגן מאכן א דינער פאר דיר, און איבערמארגן א טיי אווענט פארן נעקסטן שכן... וחוזר חלילה.

באקאנט דאס ווערטל אז פורים אין ירושלים באשטייט פון גאנצע טויזנט שקלים וואס לויפט דורך פון איין עק שטאט צום צווייטן... ביי אונז איז באלד אקוראט די זעלבע. די פאר צענערס און צוואנציגערס וועלן זיך דרייען ביי די פאר שנארערס מיד ליד, און מען וועט ווייזן קבל עולם ומלואה די געוואלדיגע חסד וועלכע הערשט במחנינו. אה, מי כעמך ישראל, ווער נאך האט אזעלכע געניטע עסקנים.

אויף אזא אופן שאפט מען געלט פאר יעדן ארימען איד, בפרט תלמידי חכמים. יעדע מוסד וואס איז "וויכטיג פאר יעדן איינעם" און קיינער טאר נישט פארפאסן, ווייל האסטו דען נישט הנאה געהאט פון הצלה, חברים, שומרים, גמ"ח הצלה, חי לייפליין, בוני עולם, רופא חולים, קרן עזר, מקוה יו.עס.עי., תומכי שבת, קמחא דפסחא, מקימי, שמיטה היטערס, בחורים ראטעווערס, פדיון שבויים קנאקערס, טאט און ראט עצה געבערס.... יו נעים איט.

[פארקירצט]

בקיצור, דער מהלך וואס מיר אדרעסירן אונזער פרנסה קריזיס איז בעיסיקלי מיט "שנאר". אבער דאס מאכט נאר גרעסער דעם לאך אין דעם שיף. דאס זעלבסט איז א גרויסער חלק פונעם פראבלעם. וכאן הבן שואל, ווענן וויל מען נארן? איז דאס א לעזונג? קען מען דען אזוי פירן א געמיינדע, ווענן וויל מען איינרעדן אז "שנאר אקציעס" וועט אונז העלפן?? אונזערע פראבלעמען זענען פיל ברייטער און טיפער! די טענענטס קענען נישט איבערטראגן די שווערע לאסט פון דער טייערער רענט, דאס ווייב בעט זיך פאר געלט און דער מאן חובות'ט זיך אן, עוללים שאלו ללחם ואינם, די גראסערי וויל שוין נישט אויפשרייבן, מען האט א דאזן קינדער און מער וואס שרויפט ארויף די הוצאות למעלה מהשגת אנוש..

ועל כולם, מיר לעבן מיט משוגע'נע סטאנדארטן: מ'מאכט ביי יעדעס קינד באזונדער שמחות בליעה"ר אויפ'ן שענסטן פארנעם, כדי יעדער זאל "הנאה האבן", אנגעקליידט מיט די שענסטע קליידער און דאס עסן געטיילט דורך די בעסטע קעיטערינג, אין א "נארמאלע" האל ווי עס גייט אריין לכה"פ אזויפיל און אזויפיל קאפלס, שיינע מוזיק מיט א זינגער און אפשר נאך גאר א קאפעליע כדי צו אויפהייבן די געמיטער... די בל תשחית ווי גאנצעטע און כמעט-גאנצע פארציאנען פון פיינע עסן גייען אין מיסט קאסטן קאסט ווייטער ממש שטיקער געזונט...

און אזוי דרייעט זיך דאס ראד, יעדער רעדט איין דעם צווייטן אז ער מיינט נישט אז ביי יענעם לאכט זיך נישט און ער קוקט ארויף די בעלי שמחה, און ער זעלבסט, מעשה מלך, זעצט זיך אריין אין זיין נייע סובורבען אדער עקיורא נאך דער שמחה, כאילו ער האט יא גענוג פון דער מעשה. ער האט פשוט ליב אביסל שענער... לעדערנע זיצן איז א "מאסט" פאר אים, א סאנרו"ף איז אויך גאר נויטיג צו קענען האבן אביסל לופט אויפן קאפל. סך הכל איז עס נישט מער ווי נאך אפאר דאלער א חודש...

**בקיצור, דער מהלך וואס מיר אדרעסירן אונזער פרנסה קריזיס איז בעיסיקלי מיט "שנאר".**

ס'ארא עולם השקר... שקר? ס'שוין גארנישט שקר. אלע ווייסן דעם אמת! אבער נאך ווי! דער עולם ווײנט און קרעכצט, און אזוי קרעכצנדיג גייט מען שלאפן... בערב ילין בכי, און מען שטייט אויף פריש דעם קומענדיגן טאג בלויז צו ווידער קרעכצן און וויינען ווייטער. מען ארבעט ביטער שווער מן הבוקר ועד הערב אבער מען קאווערט נישט דאס מינימום. מען האנדלט אראפ די שכר לימוד פון די קינדער, מען בארגט פון רעכל צו מעכל, דער לענדלארד סטראשעט אז מען איז שוין שפעט איינעם חודש, און דער קרעדיט קארטל ווערט געסוויפט אן רחמנות עד הסוף.......

## לאמיר זיך עפענען די אויגן און אידענטיפיצירן אונזערע פראבלעמען

דער "סיסטעם" איז א באקאנטער פאנעמאן ביי אונז אין שטיבל. וואלט דא געארבעט א העשטעג סיסטעם, וואלט #סיסטעם געווען דאס מערסט באנוצטע העשטעג אין שטיבל, און מיט רעכט. אונזער "סיסטעם" איז מלא פראבלעמען, אויף וואס מיר קענען וויינען פון צופרי ביז ביינאכט. עס איז גרינג צוווארפן דעם שולד אויף יענעם. אבער, והעולה על כולנה, אז מיר זעלבסט ליידן פון א בת היענה מענטאליטעט, מיר מאכן זיך צו די אויגן און מיר אדרעסירן נישט אונזערע פראבלעמען. וואלטן מיר נישט געהאט דעם פראבלעם וואלטן ימ'ען פון דעם פראבלעמאטישן "סיסטעם" פארשוואונדן געווארן.

א מענטש דארף קענען פינ-פוינטן זיינע פראבלעמען, וואו איז דער לאך אין דער שיף (טראבלשוטן בלע"ז). לאמיר זיך קוקן אין די אויגן אריין, פראסקענען די מציאות אין פנים, און נישט אנטלויפן פון רעאליטעט. און לאמיר אויך פארשטיין פארוואס בדורינו אלה איז דער פראבלעם מער ווי אמאל, עס זענען דאך מאז ומתמיד געווען עניים ואביונים, ווי דער פסוק זאגט, כי לא יחדל אביון מקרב הארץ.

מען האט שוין געשריבן ימים מיט ארטיקלען איבער דעם שוידערליכן פראבלעם, אבער קיין פולקאמע סעלושען איז דערווייל נאך נישט אויפגעקומען. אמת, קליינע ישועה'לעך האט עטוואס ארויסגעשפראצט, אין פארעם פון חתונה תקנות, שמח תשמח זאלן, אבער די דעפיציטן און די חובות און די אינפלאציע שטייגן מיט א פיל שנעלערן גאלאפ ווי דאס אז די פאר תקנות'לעך זאל קענען צוריקהאלטן. די הוצאות פליען ארויף ווי א שטורעם פון א צונאמי, און די פאר ישועה'לעך זענען ווי אפאר קליינע זאמד זעק אנטקעגן דעם ווילדן שטורעם. וויפיל מ'וועט שרייבן דערפון איז נישט גענוג, מענטשן ווייסן אסאך, אבער פיל מער ווייסט מען נישט. וויפיל אידן האבן נעבעך צוזאמענגעבראכן. וויפיל היימישע אידן מסלתה ומשמנה מוזן גיין צום דאקטאר אדער צום פסיכיאטאר רח"ל און נעמען פילן צו קענען אנגיין מיטן לעבן. וויפיל ווילן זיך ממש נעמען דאס לעבן און טענה'ן (מיט רעכט) טוב מותי מחיי. נישט ווייל יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו, בכלל נישט, ער קען פשוט זיך נישט הייבן דעם קאפ, אין אדם מעיז בפני בעל חובו, ער קען נישט דעקן דאס מינימום וואס ער האט זיך מחייב געווען בשעת דער חופה אונטער'ן הויכן טייערן שטריימל ווען ער איז געווען ארומגעוויקלט מיט די טייערע זיידענע בגדים וועלכע האבן אפגעקאסט א "פארטשון" פאר'ן אבי המלך. ער איז פאר'חובות'ט פאר א האלבער שטאט, ער האלט

ביי א בחינה פון דער קללה "בבוקר יאמר מי יתן ערב ובערב יאמר מי יתן בוקר", מען זעט בחוש דעם עני חשוב כמת, עניות מעביר את האדם מדעת קונו רח"ל.

טייערע ברודער, הגיע הזמן, עס איז געקומען די צייט, עס מוז נעמען אן עק דערצו!! מיר מוזן אפשטעלן די מגיפה שוין היינט, און טון כל מה שביכלתינו צו מונע זיין די מגיפה מנחלתינו. צי קענען מיר?? יא, אבסעלוטלי!! צי ווילן מיר?? אה, הממממ.... לײדער נישט אלע, ווייניג ווילן באמת, און די איבריגע וואס ווילן יא שעמען זיך פאר די נארישע מענטשן וועלכע גייען מיט זייער קאפ אין וואנט.

אבער מיר קענען מער נישט קוקן אויף יענעם. מיר מוזן אראפרייסן אונזערע פורים מאסקעס. מיר קענען מער נישט פארלאנגען פון די רבנים און ערוואַרטן די עסקנים זאלן עפעס טון, מען מוז אליינס ארויסגיין פון די באקס בלע"ז, טון עפעס מער דראסטיש, און – ווי 'דער מאמענט' רופט עס אן – אראפקריכן פון דעם שרעקעדיגן הויכן געלט-בוים אויף וועלכן מיר האבן זיך ארויפגעזעצט. ויפה שעה אחת קודם!! עס איז קריטיש! רבותי, מי לה' אלי!!!

## די קאנסעקווענצן פון דעם פראבלעם

לאמיר אביסל צונעמען די שרעקליכע תוצאות פון דער מגיפה. צום אלעם ערשטנס עס איז נישטא קיין ישוב הדעת צו טראכטן גראד, דער מצב איז גורם געפערליכע סטרעסס, וואס איז זייער נישט געזונט פאר א מענטש. דאקטוירים רופן דאס אן די "סיילענט קיללער", וואס כשמו כן היא, עס קען ברענגען ממש דעם טויט רח"ל. סטרעסס איז נישט געזונט פאר זיך און איז גורם אנדערע קרענק אויפן מענטש רח"ל.

די צווייטע תוצאה, דער שוידערליכער פראבלעם פונעם דור, דער חינוך און אוועקגעפאלענע, קען מען אויך תולה זיין אין דעם פראבלעם (עכ"פ למחצה ולשליש ולרביע). די עלטערן האבן נישט דאס מינדעסטע געדולד און צייט פאר די קינדער, זיי זענען אויסגעברענט, זיי ארבעטן טעגליך ביז אפיסת הכוחות, ווען און וויאזוי זאלן זיי שמועסן מיט די קינדער, פארהערן די קינדער, לאכן פון זייערע ווערטלעך, און אנקניפן א קשר? מה יעשה האב, ומה יעשה הבן שלא יחטא?? א מענטש איז סוכ"ס נאר א מענטש!

דריטנס, די רוחניות ענינים ווערן שטארק פארנאכלעסיגט, אונזער עיקר תכלית אויף דער וועלט ווערט א טפל, ווי אזוי קוקט אויס דער דאווענען מלא אנחות ומחשבות זרות זיך יאגענדיג צו דער ארבייט, קוים וואס מען האט צייט פאר א שיעור תורה, טייל אידן עפענען נישט קיין ספר משבת לשבת, אפגערעדט פון צייט פאר א חשבון הנפש ווי מען האלט אויף דער וועלט, נישטא קיין ברעקל הרחבת הדעת צו האבן די התבוננות פון מה חובת האדם בעולמו, און ווען עס קומט שוין א שבת אדער א יו"ט, אנשטאט א ריכטיגע הכנה עס אויסצונוצן כדבעי און עפעס געבן פאר דער נשמה אויך, ווערט מקויים דער מתוקה שנת העובד, מען פאלט אין בעט אריין טויט-מיד, קוים אביסל צייט פאר דעם ווייב און קינדער. ווי צדיקים פלעגן טייטשן, "בנפשו יביא לחמו", מען זאגט נישט "בגופו", נאר בנפשו, ליידער מיטן נפש.

## לאמיר זיך העלפן, צו וואו דארפן מיר צילן?

עס איז שווער צו זאגן עצות, טייל זענען על מנת שתעלה לרקיע, זייער שווער צו טוישן אן איינגעגעסענע און דורכגעפוילטע סיסטעם, אבער לאמיר כאטש וויסן לאן אנו הולכים, צו וואו דארפן מיר צילן, טוישן דירעקציעס, ויבוא הנס מכל מקום.

עס ברויך געגרינדעט א קרן-הצלה קאאליציע, ווי ערנסטע אידן רועי נאמנים זאלן מטכס עצה זיין וויאזוי מ'קען העלפן כלל ישראל. מען דארף אויסהערן יעדנס עצה והגיון, עס איבערטראכטן, און מקיל זיין אויף יעדע ספק און שאלה לפי הצורך, כי בנפשינו הוא!

אויב וואלט איך געווען פון דער קאאליציע, אדער אפילו בלויז א מנהיג מיט נאכפאלגער, וואלטן די פאלגנדע עצות געווען פון מיינע ערשטע. (כאטש ווי געשריבן, אז טייל פון די עצות זענען נישט אזוי פראקטיש און קענען נישט איינגעשטעלט ווערן פון איין מינוט אויף דער צווייטער, אבער קודם איז וויכטיג כאטש צו וויסן דעם פראבלעם, אידענטיפיצירן וואו עס געפינען זיך די לעכער, און מען דארף חזר'ן די עצות נאך און נאך אזוי לאנג ביז זאכן וועלן זיך רוקן פאראויס.)

## מען קויפט נישט נאר וויפיל מען קען עפפארדן, קיין דאלער נישט מער, פינטל!

אונזערע פראבלעמען איז מעל כל ספק אין גרויס טייל צום פארדאנקען אונזער הויכער לעבנס סטאנדארט. דאס איז קיינמאל נישט געווען אויף אזא אופן ווי היינט, און דעריבער ליידן מיר געפערליך פון דעם, מער ווי אלעמאל. איז בראש וראשון, די ערשטע עצה איז צו מאכן אונזער לעבנס סטאנדארד נידריגער. מען קויפט נישט נאר וויפיל מען קען עפפארדן, קיין דאלער נישט מער, פינטל! נישט קיין פורניטשער, נישט קיין קאר, נישט קיין דישוואשער, נישט קיין קאנטרי, נישט קיין טייערע וואקאציע, נישט קיינע שטריימלעך יעדע צוויי יאר, און אודאי נישט קיין באגעבא קערידזשעס וכדומה וכדומה, גארנישט!! ליידער ביי די חסיד'ישע איז עס מער איינגעריסן ווי די נישט היימישע, (און אין ווילי ערגער ווי מאנסי און לעיקוואד), די קליידונג מוז זיין טיפ-טאפ, מיר זענען "בעסערע מענטשן" בני מלכים, עס "פאסט פשוט נישט" צו גיין אזוי אדער אזי... די מענער האבן די שענסטע

קליידונג, די פרויען פוצן זיך אויס סיי מיט די בגדים און סיי דזשולערי, די קינדער דארפן גיין מעטשי, א.א.וו.... מהיום והלאה וועט אלעס פאסן! די ביליגסטע קליידער מיט די סטיילס פון 3 יאר צוריק איז אויך בסדר! פארוואס אין ארץ ישראל קען מען דאס באוויזן? אז מען האט נישט קויפט מען נישט! מען קען גיין צעשליסן און צעריסן ואין פוצה פה, [פארקירצט] אדרבה, זאלן זיך מערן געשעפטן און לאקאלן און באזארס מיט ביליגע שטאפיר פון קאפ ביז פוס, פאר מענער, פרויען און קינדער, און זיי זאלן פארמאגן דאס מערסטע קונדן! סיווי לויפט שוין היינט דער עולם צו גוי'אישע געשעפטן זוכן מציאות און די היימישע געשעפטן בלייבן אממערסטנס מיט דער צונג אינדרויסן, איז לאמיר אלזא כאפן די קאסטומערס ביי אונז! זאלן זיי קויפן ביליג דא! ביליגע העמדער, ביליגע סוטס, שיך, בלאוזעס מיט סקירטס, אלעס!! און נאר וויפיל מען קען זיך באמת ערלויבן, און אויפהערן מיט דער משוגעת פון "יענער".

[פארקירצט]

די קומענדיגע עצה איז, צו שאפן מער פרנסות פארן ציבור. ב"ה צווישן היימישע אידן זענען שוין פאראן ביזנעס קאנסאלטענטס און פארשטענדליכע מורי דרך, וועג וויזער, מען הערט כסדר פון קאנפרענצן און אסיפות, ועוד ידם נטויה, מען עפנט אונז אביסל דעם קאפ, עס זענען פאראן מער סארט פרנסות ווי שטיין אין א גראסערי אדער ...B&H פארפאלן, מען מוז אנהויבן שפעטסטנס ביי די 17 יאר לערנען מיט בחורים א שטיקל מהלך החיים, א כמו-היימישע קאלעדזש מיט דער נויטיגער אינפארמאציע און מען זאל באקומען א שטיקל דעגרי. נישט אז נאך דער חתונה זאל מען תיכף אן קיין ברעקל עקספיריענס אין לעבן זיך גיין איינהאנדלען אלע שטאטישע פראגראמען נאך איידער מען ווייסט ווי אזוי מען שרייבט א טשעק און מען ווייסט נישט ווי אזוי צו מאכן א דאלער, און ליעסן א קאר אויפן זיידנ'ס נאמען נאך איידער מען ווייסט וואס קרעדיט מיינט, א מין עולם הפוך דאס...

איך וואלט אויך אויפגעשטעלט א צענטער פון געטרייע פינאנציעלע מומחים, וואס זאלן זיך מטפל זיין מיט "יעדן" אינגערמאן בלי שום יוצא מן הכלל און זיי באגלייטן ביז א צוויי יאר נאך דער חתונה, זיי זאלן העלפן אויסשטעלן די פרנסה, הוצאות והכנסות, מיט זיי זאל מען זיך מתייעץ זיין ועל פיהם יישק כל דבר. די געציילטע "עקספערטן" וועלכע עקזיסטירן היינט זענען ע"פ רוב ווערד א רעטעך, זיי וועלן אייך ס"ה מייעץ זיין וועלכע "אינשורענס" צו נעמען... האלא, לאזט לעבן ביטע, אינשורענס וועט זיין נאכדעם וואס אלע אנדערע נויטיגע הוצאות וועלן קלאפן, דאס קומט גאנץ אונטן אויף דער ליסטע.

ואחרי ככלות הכל דארף מען עפענען א וועד ספעציעל געווידמעט פאר "שמחות", וואס זאלן מאסף זיין אלע תקנות פון אלע קהילות ביז אהער, און ווייטער מחזק זיין און מוסיף זיין מחול אל הקודש. אין אלע דורות האט מען געמאכט תקנות אקעגן "לוקסוס", אונזערע שמחות זענען איין שטיק לוקסוס, יעדער ארעמאן ערלויבט זיך נאכצוקאפירן דעם עושר, השם ישמרנו, מיט אלע דעטאלן און פיטשעווקעס, ווי שוין דערמאנט פריער.

[פארקירצט]

עס איז זיכער פאראן נאך עצות, נישט אלעס ליגט מיר אצינד אויפן קאפ. אדרבה, לאזט אייך אויך הערן כיד ה' הטובה עליכם, ישמע חכם ויוסיף לקח. און רבותי, לאמיר נישט מחמיץ זיין את השעה, נישט ליינען און גיין ווייטער, נאר לאמיר טאקע אנהייבן טון הלכה למעשה, זיין די נחשונים, זיך נישט שעמען פון קיינעם, מיר וועלן נאר פארדינען דערפון, ווי אויך אונזערע קינדער און קינדס קינדער, און יעדער וועט אונז דאנקבאר זיין. פרינטס ארויס די צעטלען, פארשפרייט עס איבעראל ווי נאר מעגליך, מענער און פרויען זאלן דאס זען טאג טעגליך, אולי יחוס עם עני ואביון אולי ירחם, לאמיר האפן אז דאס וועט זיין א מעכטיגער דורכברוך.

געוועגליך ענדיגן די צייטונגען "ולה' הישועה", אבער גלייבט מיר, הקב"ה וויל שוין שיקן די ישועה, ער ווארט נאר אויף אונזער השתדלות! ער וויל מיר זאלן נעמען עקשאן, נישט זיך פארלאזן אויף די שיינע מאמרים פון ולה' הישועה און בטחון וואס קומט ע"פ רוב פון פוילקייט, נאר על עמך ברכתך סלה! נאר נאכ'ן טון השתדלות מעג מען זיך פארלאזן, נישט האפן אויף א נס אז מיט'ן גארנישט טון וועלן מיר געהאלפן ווערן און עס וועט אראפפאלן געלט פון דאך. די ימים נוראים זענען שוין אראונד די קארנער, מען גייט שוין באלד מתפלל זיין, אבינו מלכנו כתבינו בספר פרנסה וכלכלה, מלא ידינו מברכותיך, מלא אסמינו שבע, אז מיר וועלן טון אונזער השתדלות כראוי וועט די ברכה האבן וואו צו חל זיין בעז"ה.

ובשם ה' נעשה ונצליח!

**א שמועס פון דער וואך**

# איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה?

א קוטשמע אין בית המדרש ברענגט מתתי' גראס אויף א געדאנק: פרנסה ברענגען איז נישט קיין בדיעבד. די ליינער פון „באלעבאס“ האבן געהאט וואס צו זאגן – פון אלע זייטן.

פון **מתתי' גראס, יידל, שמעלקא און אנדערע**

באלעבאס • פון מיין אפיס פענסטער'ל • „איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה?“ • 1טן–22סטן נאוועמבער 2010
https://balboos.sites.tab.bot/a/128.html

**מתתי' גראס** • 1טן נאוועמבער 2010

די קוטשמע האט ביי מיר אייביג געטראגן א געוויסע כאראקטער וועלכע איך האב געוואלט ארויסהאבן, האמת אגיד איך האב עס נישט ארויס 100%, פארוואס עס איז באקוועמער ווינטער ווי זומער, איך זעלבסט בין נישט קיין קוטשמע טרעגער ווייל איך ווייס נישט פארוואס איך זאל עס אנטון אנשטאט מיין הוט. ווען איך באקום ווען רשות צו טוישן אויף זומער אויך, און אוועקווארפן גענצליך מיין געהעריגע הוט, וואלט איך עס מעגליך אנגעטון.

די קוטשמע איז נישט צו שטארק אויפגעכאפט ביי כלי קודש און כולל אינגעלייט, און מען זעט עס מייסטנס ביי בעלי בתים און ארבייטער. ווען איך זע א קוטשמע אין בית המדרש קומט אונטערן באוואוסטזיין אריין אן ערע און רעספעקט צו "בזיעת אפיך תאכל לחם" "יגיע כפיך כי תאכל"...

צוליב דעם וואס די פלאץ ווי אידן באקענען זיך און פארברענגען צוזאמען איז א "בית המדרש", קען זיך חלילה דאכטן אז די נושא פון גשמיות'דיגער פרנסה ברענגען איז עטוואס אין קעגנזאץ צום אידישן געזעלשאפט, אין בית המדרש דאווענט מען און מען לערנט, און ווען קען מען זיך צונויפרעדן וועגן ביזנעס? איז פאשטייט זיך דאס בית המדרש נישט דער פאסיגסטער צענטראלע מקום פאר ביזנעס לעקציעס און דברי חיזוק אדער סתם איש את רעהו יעזורו פאר ביזנעסלייט אויפן גשמיות'דיגן שפראך. און ווען עס פאסירט יא איז באופן בדיעבד. נישט אויף אן אפציעלע אויסגעטראטענע פארנעם. (איך גיי אוודאי נישט אריין אין דער טעריטאריע פון סעלפאונס און שמועסן אינמיטן דאווענען, וואס דאס איז להיפוך פון אונזער נקודה דא).

איז דאס טאקע אזוי? איז פרנסה ברענגען עפעס א "ראזשינקע" ביי אידן? איז עס עפעס א זאך וואס איז נישט קיין "לכתחלה" לכל הדיעות? ווערט נישט די מעלות פון האבן געלט און ברענגען פרנסה געגוג מופלג בדברי חז"ל? ווערט נישט פרנסה דערמאנט ביי יעדע תפלה?

געוויס איז דאס נישט ריכטיג! דער אויבנדערמאנטער בליק עקזיסטירט בלויז ביי אומוויסנדע וואס ווייסן נישט אז דער בזיעת אפיך תאכל לחם איז א סיסטעם וואס השי"ת האט אזוי אויסגעשטעלט און אז מען פראבירט אויסצושפילן דעם סיסטעם איז עס נאך א גרעסערע קללה ווי דער קללה זעלבסט. פרנסה ברענגען פארנעמט אין אידישקייט אן אויבנאן! די ספעיס פון דעם אימעיל יוכלו והם לא יוכלו ווען מיר זאלן דא זיך נעמען מיט מראי מקומות ווי בעלי בתים און ארבייטער זענען די הויפט מחותנים אין סיי וועלכע ספר פון דער תורה שבכתב ביז תורה שבעל פה, פון די ראשונים ביז די אחרונים ביז אלע תפלות.

"חשובער ארבייטער, דו באגייסט נישט קיין שום בדיעבד, רעדט פון ביזנעס, טראכט פון ביזנעס, זיי דיך מחזק מיט ביזנעס! דאס, יא דאס! איז אקוראט וואס דו מוזט טון אלץ א פליכט זייענדיג א קינד פונעם מלך מלכי המלכים!" אט דעם מעסעדזש האב איך ארויסגעהארכט פון דער קוטשמע, וועלכע סימבאלאזירט אין א געוויסע זין דאס ברענגען פרנסה, אבער קומט דאך אריין לכתחלה אין בית המדרש צו דאווענען און לערנען.

פארשטייט זיך אז די גאנצע גשמיות ברויך זיין געבויט אויף רוחניות, און אפגערעדט אז מיר גייען נישט אריין דא אין די פארשידענע רוחניותדיגע אספעקטן אויף וואס ווערן דערמאנט כסדר אין די ספרי קודש, ווי אמונה און בטחון, די שיעור פון השתדלות, און ווייטער עד אין סוף. איז אבער די נקודה דא אז דער גשמיות פון פרנסה איז א שטיק רוחניות!.

קען איך זיך נישט איינהאלטן צוצווענדיגן מיט א ווארימע יישר כח פארן בעל אכסניא, דער בעל בית אויסגאבע וואס איז די ערשטע אין דעם היניזכט צו ברענגען אויסגעהאלטענע ביזנעס אינפארמאציע אויף א לכתחלה'דיגע רעספעקטפולן אופן און נאך אין דער אידישער שפראך. בעסער געזאגט, אין דער קוטשמע שפראך...

**יידל** • 1טן נאוועמבער 2010

איך וואלט געוואלט צולייגן א נקודה. עס איז נישט קיין סוד, אז א סאך פון אונזערע כלי קודש / כולל יונגעלייט / נישט-ארבייטער מוזן – פארשטייט זיך נאר מכח הכרח – נעמען געוויסע שריט וואס מצד הדין איז עס אפשר נישט אזוי אויסגעהאלטן. אזוי ווי די גמרא אין קידושין (כט עמוד ב) זאגט טאקע "רבי יהודה אומר כל שאינו מלמד את בנו אומנות – ווער עס לערנט נישט זיין זון א פאך – מלמדו ליסטות – לערנט אים רויבעריי. פרעגט די גמרא – ליסטות ס"ד – ער לערנט אים דען רויבעריי? נאר וואס דען – אלא כאילו מלמדו ליסטות – עס איז כאילו ער וואלט אים אויסגעלערנט רויבעריי" און ווי רש"י ערקלערט אויפן פלאץ: "דכיון דאין לו אומנות – וויבאלד ער פארמאגט נישט קיין פאך – ויחסר לחמו – און עס וועט אים דאך פעלן פרנסה – ילך בפרשת דרכים וילסטם את הבריות – וועט ער דאך גיין אין גאס און בארויבעווען די מענטשהייט".

[פארקירצט]

איך ווייס אז עס איז דא רבנים המתירים און פארשטייט זיך אז יעדער דארף גיין נאך זיין רב און פוסק, אבער אחרי ככלות הכל בלייבט עס א מורא'דיגע בדיעבד, עז ברענגט אריין אינעם מענטש א זלזול אין דעם איסור גניבה ושקר.

ממילא טייערע קוטשמע איד, עס קען גאר זיין אז ביים באשעפער זענט איר נאך פיל מער חביב ווי דער כלי קודש. אין א בחינה ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה "למה לי רב זבחיכם? יאמר ה'. שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים וכבשים ועתודים לא חפצתי: כי תבאו לראות פני, מי בקש זאת מידכם רמס חצרי?" גיי ארבייט, לערן וויניגער וויפיל די וואלסט וועלן געקענט, אין לעב אויף ערליכע געלטער!

**Wolf** • 1טן נאוועמבער 2010

Anonymous, דיין "אגב" פוינט זאגט דאך שוין אלעס.

פארוואס זעט מען אזויפיל אינגעלייט היינט וואס טוען נישט למעשה? זיי זענען ביזי מיט איזי מאני, MLM, זיי מיינען אז זייער גליקליכער טאג וועט קומען מיטן זיין אן אייגענע בעל הבית? און מען רעדט נישט דא פון שנה ראשונה אינגעלייט, מען רעדט דא פון טאטעס מיט שטובער מיט קינדער וואס דאס ווייב שטייט און ווארט אויף אביסל געלט, און דער מאן איז ביזי מיט דמיונות? אלעס אויסער ארבעטן שווער.

ווייל א גראטערי ארבעטער מיט'ן בלויען מאנטל איז ביי אים א חסרון, א טרעילער דרייווער איז אפגערעדט. דאס אלעס קוקט ער אראפ. ער קוקט ארויף "בכבוד'דיגע ארבעט"! ער פארשטייט אבער נישט אז ארבעטן מיינט שווער.

מען רעדט דא נישט פון צוויי ראסעס, בני תורה קעגן ארבעטער. בני תורה זענען זייער חשוב, אויב זיי קענען עס באוויזן קען נישט זיין בעסער. מען רעדט אבער דא פון אינגעלייט מיט דמיונות און חשבונות, וואס ווילן אלעס חוץ זיין א "ארבעטער". מען קוקט אראפ דער פאריאגטער אינגערמאן מיטן תירוץ אז ער איז נישט אזוי ערליך ווי דיר (וועו אליבא דאמת איז די תירוץ אז ער ארבעט ווי א חמור און מאכט צען מאל מער געלט ווי דיר), און פון דעם רעדט דא ר' מתתי'.

ער מאלט שוין גארנישט קיין צוקער וואסער, ווי אומגעשמאק עס זאל דיר זיין זיך צו טרעפן מיט דער רעאליטעט.

אנטשולדיגט, איך מיין נישט דיך פערזענליך. אבער עס קוקט מיר אויס ווי דו פארשטייסט גאנץ גוט פון וואס די רעדע איז.

**Anonymous** • 1טן נאוועמבער 2010

טעיק איט איזי מתתי'.

די פרובירסט צו פארוואנדלען דאס ארבעטן אין א אידעאל אזוי ווי אין קאמוניזם, עס קוקט אויס ווי די פלאנסט צו גרינדן א סאציאלע ארבעטער פארטיי.

ארבעטן פאר פרנסה איז געגעבן געווארן פאר אדם הראשון אלס ביטערער שטראף פין הימל, און סך הכל א היכי תימצי פין דערמעגליכן דאס זעקל ביינער אנצוציען אויף דעם עולם התחתון אזוי ווי לאנג עס איז באשערט.

לאז געמאך מתתי'; מיר ארבעטן גענוג שווער פאר פרנסה, אז מיר זאלן עס נאך דארפן באשטעטיגן מיט א ספעציעלן יוניפארם.

**י רייך** • 1טן נאוועמבער 2010

וואס איז די האסטיליט דא?

קודם כל, וואס איז די חסרון פון וועלן ארבעטן א בעסערע ארבעט ווי א טראק דרייווער, איך ארבעט שוין א לאנגע צייט צו זיין מיין אייגענע בעלבוס, און ביזדערווייל מאכט א טראק דרייווער מער, קען זיין.

האב איך נישט קיין רעכט דערצו?

פארוואס איז יעדער אזוי האסטייל? יעדער האט א רעכט אויסצושטעלן זיין לעבן וויאזוי עם שמעקט, פיריעד.

ווייל מיין ווייב דארף אזוי סאך געלט וויפיל ער טראק דרייווער פארדינט, שוין יעצט, בינ איך עפעס מחויב צו טון א זאך וואס איך האב נישט קיין געשמאק דערין?

איך הער אסאך אויס לוזער לאנדא, יואלי קליין און אנדערע, הצד השוב שבהן, יעדער האלט אז אן ארבעט דארף מען ליב האבן, עס דארף זיין געאייגענט פארן מענטש.

סאו קיינער זאל נישט שוינען מיין ווייב אין קינדער, אפשר וועט זיך עס אויסצאלן ווייל לסוף וועל איך מצליח זיין, און אויב נישט, איז עס מיין לעבן, און איך בין נאך אלץ בארעכטיגט צו מאכן מיינע אייגענע דעסיזשאנס, קיין עבירה איז עס נישט, צו פארדינען ווייניגער וויפיל מען קען.

**יידל** • 22סטן נאוועמבער 2010

ר' לייבל טייערע, די מציאות איז אז אונזער לייפסטייל האט געבערענגט דערצו אז מיר זענען אויף דער שוועל פון פינאנציאנאלע אונטערגאנג. די מציאות איז אז רוב פונעם היימישן עולם מוז בארגן געלט חתונה צו מאכן (און קיין שום חשבון פון וואו מ'גייט באצאלן). די מציאות איז אז קיין איין "ערליכע איד" מיט א "דעת תורה" איז אונטער דעם, נאר עס איז א לייפסטייל ווי קיינער וויל נישט זיין אנדערש, און אויב די מאיאריטעט שיקט די בחורים אין ישיבה, וויל יעדער שיקן די בחורים אין ישיבה, און אויב די מאיארטעט לערנט אפאר יאר אין כולל נאך דער חתונה, וויל יעדער לערנען אין כולל אפאר יאר, און אויב דער מאיאריטעט שווינדעלט למחצה לשליש ולרביע, שווינדעלט יעדער. און אויב די מאיאריטעט מאכט חתונה אין זאל פלוני / קויפט עכטע צירונג פאר כלות / קויפט טויזענט דאלערדיגע קערידזועשס / האט עכטע איטאליענישע פוירניטשור וכו וכו וכו טוט יעדער אזוי.

למעשה איז דא פעלער ווי מומחים און רבנים זאגן: אייער זון באלאנגט נישט אין ישיבה, שיקט אים ליבערשט ארבייטן. אבער דער טאטע זאגט: מה יאמרו הבריות? און וואס וועט זיין מיט א שידוך?

עס איז דא פעלער ווי יונגעלייט זענען בכלל נישט געמאכט פאר כולל און פעניען אוועק די צייט אבער זיי זיצן דארט ווייל "יעדער" זיצט דארט אפאר יאר נאך דער חתונה.

מיר לעבן מיט א שרעקליכן לייפסטייל וואס האט נישט קיין שאנס פאר פארבעסערונג נאר ורך איין וועג: דער עולם וועט זיך אויפוועקן אין זיך אנהייבן טוישן. מען קען נישט פארלאנגען אז די רבנים זאלן ארויסקומען אין פארשפארן די כוללים. מען מוז אונז אליין זיין HONEST מיט אונז און אנהייבן לעבן נארמאל. סיי די חלק פון חייב אדם ללמד את בנו אומנות, סיי די חלק פון גיין ארבייטן ווען סאיז פאסיג לפי הצורך והמצב און סיי ספענדן געלט לויטן אייגענעם מצב הכספי

---

**וויסנשאפט • חשבון**

# לאמיר רעבענען

וויפיל קאסט א פרישטאג אין רעסטוראנט א גאנץ יאר? „קרן עזר“ רעכנט, און די ליינער רעכענען נאך: וויפיל איז די צייט ווערט, און צי דער חשבון איז נישט איבערגעטריבן.

פון **קרן עזר, שמעלקא און אנדערע**

באלעבאס • אידיש געלט • „לאמיר רעכענען“ • 3טן–6טן יאנואר 2011
https://balboos.sites.tab.bot/a/184.html

---

**קרן עזר** • 3טן יאנואר 2011

וויפיל מ'קען שפארן מיט אביסל ישוב הדעת.

עס איז דא זייער אסאך זאכן וואו מ'קען זיך שפארן. ביי יעדע ריר אין לעבן איז שייך זיך צו שפארן און איינציען מיט אביסל ישוב הדעת, אביסל נוצן דעם קאפ בעפאר מ'סווייפט דעם קרעדיט קארד. אבער כדי לסבר את האוזן וועלן מיר אראפברענגען עטליכע קליינע ביישפילן, ווי מען זעט באשיינפערליך אז מיט ממש קלייניקייטן קען מען זיך שפארן ריזיגע סכומים.

- לאמיר אנכאפן לדוגמא דאס ענין פון פרישטאג.

אמאליגע צייטן, בימים כתיקונם, פלעגט יעדער אויפשטיין אביסעלע פריער, געטרונקען א קאפע און געלערנט אביסל

פאר'ן דאווענען. נאכ'ן דאווענען איז מען געגאנגען אין גראסערי, זיך איינגעהאנדלט א לאבל פרישע ברויט מיט א פלעשל מילעך, און מען איז אהיימגעגאנגען עסן א נאהאפטיגן היימישן פרישטאג מיט דער משפחה, און דערנאך איז מען רואיגערהייט אריינגעפארן ארבייטן מיט פרישע און באנייטע כוחות.

היינט צו טאגס – אינאיינעם מיט דער שרעקליכער יאגעניש און כאפעניש אין אלע אספעקטן פון לעבן – איז אויך דער גאלדענער רוטין ווי פארשווינדן. מען לויפט דאווענען, און מען ענדיגט ממש דריי-א-האלב מינוט בעפאר מען דארף פאנטשן די קארד (אדער די פינגער..) און דאן איז שוין נישטא קיין צייט פאר גארנישט. מ'פליט היסטעריש צו דער ארבעט, און שפעטער, ווען מען איז שוין גוט אויסגעהונגערט, לויפט מען אין דערנעבענדיגן רעסטוראנט און מ'קויפט זיך א גרויסן ברייטן פרישטאג פאר טייער געלט.

איז אצינד, שטייענדיג ענדע פונעם גוי'אישן יארע, ווען יעדער מאכט זיך די פינאנציעלע חשבונות, לאמיר דא נעמען א פענע און פאפיר און 'לאמיר רעכענען' דעם אינטערשיד וואס עס קומט אויס א יאר צווישן די צוויי סטאנדארטן, נעמליך דאס לאזן זיך וואוילגיין מיט א ברייטן און טייערן פרישטאג אין רעסטוראנט, אנשטאט עסן א נארמאלן און היימישן פרישטאג אינדערהיים.

## פרישטאג אינדערהיים

- א פעקל ברויט: $2.50
- פלאש מילך: $2.85
- ירקות: $2.50
- א דאזן אייער: $1.45
- 2 קענס טאנא: $3.35
- א וואך: 12.65 $
- א יאר: $657.80

## פרישטאג אין רעסטוראנט

א געווענליכע פרישטאג אין רעסטוראנט קאסט – אמווייניגסטנס -צווישן 6 און 8 דאלער. אן איינפאכע טונא-סענדוויטש קאסט שוין באלד אזויפיל... און אין גרויס טייל פיל מער. עס קען גיין ביז 12-15 טאלער א פרישטאג.

איז לאמיר גיין אינצווישן און רעכענען א נארמאלן פרישטאג פאר $7.50

- קומט אויס א וואך: $45
- א יאר: $2340
- דער חילוק צווישן די צוויי: $1682!!

און מיר האבן דא גערעכנט בלויז דעם מינימום. דער פאקט איז אז די רעסטוראנט-פרישטאגס קאסטן רוב מאל פיל מער, און די היים-פרישטאגס קענען קאסטן ווייניגער, און צום סוף איז עס עולה לחשבון גדול ורב.

איז די פראגע: לוינט זיך נישט צו נוצן א ביסעלע ישוב הדעת און זיך דערמיט שפארן אזא גרויסע סומע?

**ploni** • 3טן יאנואר 2011

די צייט וואס קאסט צי מאכן אן אייגענע פרישטאג און וויפיל געלט מען פארלירט דורך דעם האסטו נישט אריינגערעכענט אינעם אנאליז

**יענקל יענקל** • 3טן יאנואר 2011

דאס ווייב שטעלט עס גערן אהער, און זי וואלט זיך מחי' געוועזן ווען דער מאן קומט אהיים עסן א נארמאלן פרישטאג. ער דארף עס נישט אליינס מאכן.

**שמעלקא** • 4טן יאנואר 2011

עס איז באמת א שטארקע געדאנק, אבער אין תוך גענומען איז דער חשבון אביסעלע איבערגעטריבן.

איין פעקל ברויט, איין פלאש מילך, איין דאזן אייער און 2 קענס טונא רעכנט איר פאר פרישטאג אויף "א גאנצע וואך"? 6 טעג? רוב מענטשן עסן היבש מער ווי דעם. וועלכע ירקות פאר 2.50 איז גענוג פאר איין וואך?

[פארקירצט]

און ווייטער פרישטאג'ס אין רעסטאראנט איז טאקע $7.50 גאנץ עוורידזש, אבער ווען איך קויף (כמעט נישט) געוועגליך פרוביר איך נישט צו ספענדן מער ווי 5 א האלב דאלער בערך, און איך ווער זאט דערפון..

אבער חוץ מזה האט מען דא גערעכנט 52 וואכן, וואס אויב זאל מען אראפנעמען אלע ימים טובים, תעניתים, און שמחות (ברית'ן וכדו') דא און דארט וועט עס היבש אראפנעמען פונעם חילוק.

סך הכל: דער חילוק איז נישט אזוי גרויס פער יאר ווי איר מאכט עס, אבער חוץ מזה איז אלעס נאך אלץ 100% אמת ויציב, און פרוטה לפרוטה מצטרפת.....

**היסטאריע • ביזנעס**

# קאדעק: דאס שווארץ בילד

פעברואר 2012, א פאר וואכן נאכדעם וואס „איסטמאן קאדעק“ האט געפיילט פאר באנקראט: ווי אזוי האט די פירמע וואס האט ערפונדן די דיזשיטעל קאמערע פארלוירן די מארקעט?

פון **יוחנן שיף**

באלעבאס • אנאליז • „קאדעק: דאס שווארץ בילד“ • פעברואר 2012
https://balboos.sites.tab.bot/a/348.html

עס איז אלץ טרויעריג צוצוזען א זאך אפוועלקן, צוזאמלייגן פונאנדערגיין אין א גסיסה כארכעל און אפשטארבן, אפילו ווען עס איז נישט קיין מדבר, נאר בלויז א חי און אפילו א צומח צו נאר א פשוטע דומם. ווען מען באטראכט א חורבה ווערט קאלעמוטנע אויפן הארץ, אפילו די ציגל און האלץ האבן נישט קיין פארשטאנד און געפיל צו באגרייפן זייער נעבעכדיגן שטאנד. פארגאנגענע זומער ווען האריקעין איירין האט איבערגעלאזט נאך זיך פילע אויסגעווארצלעטע ביימער האט מיר אנגעכאפט א רחמנות געפיל אויף די הערליכע מעכטיגע ביימער וואס ליגן אויף דער ערד אין א גסיסה צושטאנד, די בלעטלעך גלאנצעדיג גרין, נאכנישט עספיעט אפילו פארוועלקט צו ווערן, פארט טויט ווי א קאפ-לאזע שטיר.

פילפאכיג מער איז דאס געפיל ווען מען רעדט פון א ריז, פון עפעס וואס בחייו איז עס געווען נישט סתם אזוי כמוני כמוך, א דבר מן השורה, נאר עפעס מיט מעכטיגע פראפארצן, אן אויסנאם, ווי העכער מען איז פאר דער נפילה, אלץ שטערקער איז דאס קלאפ דערנאך, אן ענין פון מאיגרא רמה לבירא עמיקתא.

נאך א פאקטאר פארוואס מען ווערט מער איבערגענומען, איז ווייל מען פילט זיך פיל מער באדראעט, ווי חז"ל זאגן, אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי קיר. ווען א שוואכיטשקער קראנקער פערזאן גייט אויס, רעדט מען זיך איין, דאס מיינט גארנישט מיר, [פארקירצט]

אין דער ביזנעס וועלט באגעגענען מיר זיך פיל מאל מיט אלטע מעכטיגע פירמעס, וועלכע האבן אין זיינער צייט געקערט א וועלט, און זענען היינט אויפן וועג אדער גאר אויפן סאמען שוועל פון באנקראט. חוץ דעם טרויעריגן געפיל וואס דאס ברענגט אויף, ברענגט עס אויך אריין א שרעק אין יעדן ביזנעסמאן, אויב אזא ריזיגע פירמע מיט הונדערטער באצאלטע געלערענטע אנאליסטן און ראטגעבער האט זיך אזוי מיאוס באגראבן און פאררעכנט, מה יעשו אזובי קיר.

איז דערפאר העכסט וויכטיג צו אנאליזירן אט די פענאמען, ווייל דאס איז אמאל זיכער אז בלויז עלטער איז נאכנישט קיין גענוגענדע סיבה פאר א פירמע צו באנקראטירן. עס איז דא גענוג אלטע פירמעס וועלכע האבן זיך אריינגעליטשט אין די ימי זקנה זייער לייכט אן קיין קענטיגע עלטער שוועכע, און גאלאפירן פאראויס אן קיין שום צייכן פון נאכלאזן, אדרבא, זיי נוצן די עלטער און אנזען צו זייער עדווענטעדזש.

שליסליך זענען די פאקטארן נוגע פאר יעדן ביזנעס מאן, ווייל ווי געזאגט, זקנה פאר זיך איז נישט קיין סיבה פון באנקראט, עס איז ענדערש א געמיש פון שלעכטע באשלוסן און נישט שטיין גענוג אויף דער וואך "נישט צו פארלירן די רעלעוואנץ" אין דעם מארקעט. זייער אפט ווערט פארזען די וויכטיגקייט פון זיך טוישן מיט דער צייט. ספעציעל אין דער היינטיגער וועלט וואו זאכן טוישן זיך אין חדשים אנשטאט יארן. אז עס גייט גוט היינט מיינט נישט אז מארגן וועט אויך אזוי זיין, אפילו מען טוט אלעס ווייטער ווי ביז היינט, ווייל די וועלט און דער מארקעט טוישן זיך יא.

און דאס איז שוין נוגע פאר יעדעם, א נייע ביזנעס איז, היינטיגע צייטן, נישט גאראנטירט צו בלייבן לענגער רעלעוואנט ווי אן עלטערע, זאכן טוישן זיך אויסערגעווענליך שנעל און מען דארף האלטן אן אויג דערויף.

*

אין די לעצטע וואכן האבן צירקולירט שמועות איבער דעם ערנסטן פינאנציעלן מצב אין וואס די מעגא פירמע "איסטמאן קאדעק" געפינט זיך. אין יאנואר 19 האט עס פאסירט, די מולטי נאציאנאלע 131 יעריגע פירמע וואס האט יארן קאנטראלירט איבער ניינציג פראצענט פון דעם אמעריקאנער מארקעט האט געפיילט פאר טשעפטער 11.

(אגב, די פירמע איז א שכן קרוב מיט אונזערע ניו יארקער לייענער, עס איז הויפט קווארטירט -זינט איר גרינדונג ביזן היינטיגן טאג- אין ראטשעסטער, ניו יארק.)

פארשטייט זיך אז זייערע סטאקס האבן געטראסקעט מיט 35 פראצענט, אבער דאס איז נאר די שפּיץ פון דעם אייזבארג.

נישט לאנג צוריק, אין יאר 97' למספרם האבן די קאדעק סטאקס געהאלטן ביי $93 א שעיר, היינט האלט עס ביי 0.36 סענט, אין בלויז פערצן יאר א טראסק פון 99.99 פראצענט!

אויבנאויף דארף מען נישט זיין קיין גרויסע תנא קמא צו פארשטיין וואס האט געפירט צו קאדעק'ס מאסיווע נפילה, א מער, (דא דרייט מען מיט די פינגער) קאדעק'ס ספעציאליטעט איז דאך אלץ געווען פילם ראלן און אלעס וואס אנטבאלאנגט צו פילם פראסעסינג, ווי קעמיקאלן, פאפיר און מאשינעריי. נו, איז דאך זעלבסט פארשטענדליך אז כהיום וואס די טעג פון פילם זענען שוין געציילטע אדער אפילו גענצליך דערנאך (עס ווערט בלויז גענוצט דורך אן ענגע צאל האביאיסטן וואס גלייכן דעם פראצעס און מעגליכקייטן פון אויסארבעטן פילם) איז דאך א טאטאלע אויפלעזונג אומפארמיידבאר...

אין אמת'ן איז עס ווייט נישט אזוי פשוט, צוליב דעם פאלגענדן - וויניג באוויסטן- פאקט, נעמליך, קאדעק האט גאר ערפינדן די דיזשיטעל קאמערע! יא קאדעק האט אויסגעטראפן די האק וואס האט איר אפגעהאקט דעם קאפ, נאך אזוי פרי ווי אין יאר 75' למספרם. עטליכע יאר פאר אנדערע פירמעס האבן אפילו געחלום'ט דערפון. טא, ווער נאך ווי קאדעק איז געווען אין אזא גוטע פאזיציע איינצונעמען די דיזשיטעל קאמערע מארקעט? שכל הישר וואלט דיקטירט אז קאדעק זאל היינט זיין דער מארקעט פירער אין דיזשיטעל קאמארעס. ווי גענוי איז געליגן די פאטאלע טעות?

דער ענטפער ליגט -אין טייל- אין דעם פאלגענדן עפיזאד, טראץ דעם וואס קאדעק איז געווען די ערשטע צו ערפינדן די דיזשיטעל קאמערע איז זי נישט געווען די ערשטע עס צו פראדוצירן און פארקויפן. אין יאר 81' האט סאני ארויסגעגעבן די ערשטע דיזשיטעל קאמערע, לעומת זה קאדעק האט זיך צוריקגעהאלטן פון פראדוצירן דיזשיטעל קאמערעס. דער חשבון איז געווען א ריין ביזנעסדיגע. נעמליך, ביים פארקויפן דיזשיטעל קאמארעס וואלט קאדעק -עווענטועל- פארדינט פיל וויניגער ווי פילם.

קאדעק'ס סטראטעגיע איז געווען צו פארקויפן ביליגע קאמארעס, אזוי אז מענטשן האבן זיך גרינג ערלויב א קאמארע, דערנאך האט מען געברויכט קויפן קאדעק פילם עס צו נוצן, מענטשן געבן גרינג אויס אפאר דאלער אויף אמאל. און אויף דעם האט קאדעק פארדינט יעדעס מאל וואס איינער האט פילמירט א בילד. אזוי אויך האבן זיי דאן אנגעהויבן צו פארקויפן ביליגע דיספאוזעבל קאמארעס, און פארדינט עטליכע דאלער יעדעס מאל. לעומת זה ביי א דיזשיטעל קאמארע, ווי טייער דער פרייז זאל נאר נישט זיין ביים ערשטן מאל קויפן, וועט קאדעק פארדינען פיל מער - דורכאויס דאס לעבן פון דער קאמארע- פון די פילמס וואס איז א נאכנאנדע אנגייענדע געברויך, כאטש עס איז בלויז א מינימאלע סכום אויף אמאל.

דער חשבון פאר זיך איז לכאורה א ריכטיגע, און מאטאמאטיש האט עס טאקע געשטימט. דערפאר האט קאדעק זיך געלייגט דעם קאפ אין זאמד און זיך פארהוילן פונעם מציאות. נישט ווערנדיג אליין אונטערברענגען זייער קעש קו, נעמליך, פילם.

קאדעק האט אבער פארזען דעם פאקט אז מען קען נישט אפהאלטן א רעוואלוציע בלויז דורכן שטיין אין א זייט און נישט אנטייל נעמען, אז נישט דו, וועט זיך אפירזוכן א צווייטער, אנשטאט אויסצוניצן די מאמענט און ווערן א פירער איז זי געזעצן באקוועם אין ווינקל און געמאלקן פילם פאר נאך עטליכע יאר. און דערווייל געלאזט אנדערע איבערנעמען די לייצעס. אזוי האט קאדעק פארנאכלעסיגט די דיזשיטעל פענאמען ביז עס איז געווען צו שפעט.

עס איז וויכטיג צו נאטירן אז דאס איז בהחלט נישט געווען די אויסשליסליכע טעות פון קאדעק, זייער זעלטן וועט בלויז איין אומריכטיגע אקט אדער פאלשע סטראטעגיע גענצליך אונטערברענגען א פירמע. עס האבן נאכגעפאלגט א רייע מיסקאלקולאציעס און פארפאסטע געלעגנהייטן וואס האבן צוגעברענגט צו דעם מצב אין וואס קאדעק געפינט זיך היינט. נאר מיר זענען דא נישט אויסן צו באשרייבן א גרינטליכע אנאליז אויף דער פירמע.

איך גלויב אבער אז די פונקט וואס מיר האבן באהאנדעלט איז ווערט צו נעמען אין באטראכט ווייל עס קען נוגע זיין פאר יעדן פירער אדער שפעטער, די וועלט טוישט זיך, אז מען כאפט א דרימל אין באן שטאציאן קען מען זיך אויפכאפן און באמערקן אז די באן איז שוין אפגעפארן...

איבערלעבונגען

# וואס דער פארקויפער טראכט ביים קאסע

אן ארבעטער אין א געשעפט דערציילט א געשפרעך מיט א קונה וואס וויל א דיסקאונט – און אין קלאמערן, וואס ער האט אין זינען געטראכט.

פון **פרוקער טראק און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „געשעפט אייגנטומער/ארבעטער, גיסט אויס אייער פארביטערטקייט" • 27סטן–28סטן אויגוסט 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1659.html

**פרוקער טראק** • 27סטן אויגוסט 2012

עס איז מן הסתם דא אזעלכע דא וואס ארבעטן אין געשעפטן צו אין ענליכע פלעצער און באגעגענען זיך טאג טעגליך מיט אלע סארטן מענטשן, אנגעהויבן ביי גאר איידעלע און געענדיגט ביי פגעים רעים פון די ערגעסטע סארטן אריינגערעכנט. מוטשעניאקעס, דערקוטשערער, פייניגער, פעיגערער, רודפים, עגאאיסטן, לאצי'ס, אומבאהאלפענע, אנלייגער, קריכער, אויסנוצער, נודזשעניאקעס, פוילע רוחות.
דא איז די ארט זיך אויסצופאקן די אויפרעגעניש [פארקירצט]

במילא איז דא דער פלאץ ארפצוברענגען טאג טעגליך סיפורים וואס מ'האט מיט די אלע סארטן לאסטן, און אפשר אזוי וועט זיך עפעס טוישן, איז זייט אזוי גוט, און אויב זענט איר א געליטענער פון אזעלכע סארט, געב אהער דיינע שוה פרוטות און לאז דעם ציבור מיטפילן דיין גרויס צער.
אויב ביסטו אויך א פעיגער, דאן זיי נישט בייז, און צעפראקסע דיינע באקן מיט א רעפלעכטער און א קאנטשיק, און נעם דיך פאר אז ביז די הונדערט אין איין און צוואנציג וועסטו זיך ווידער נישט אזוי אויף פירן. גיידיר די הונט...

און דא וועל איך אנהויבן. איך שטיי מיר היינט און מיין סטאר, קומט איינער צום באצאלן, זאגט ער געב מיר א דיסקאונט פיר דאלער. (איך בין א חזיר, איך מוז אייביג מיינען אז איך קויף א מציאה)

איך קען נישט! איך בין נישט דער בעל הבית.
(ביסט א חזיר טאקע, און אויב האסטו נישט קיין געלט, איז ווער בעט דיך קויפן? פוץ דיך אפ!)

וואס הייסט? דער באסס דיינער געט מיר אלס
(ווייל ער קען זיך נעבעך נישט קעגנשטעלן דיינע חזירישע בעטנדיגע אויגן, ער וויל דיך נישט פארלירן, ער וואלט דיך צעריסן ביידע נאז לעכער און פאר איינס געמאכט)

ער קען! איך נישט!
(איך קען אויך, אבער דער וועג וויאזוי דו האסט געבעטן האט מיר אויפגעבראכט, יעצט העסטע באצאלן ווי א טאטעלע)

יע, ס'איז גארנישט, דו באצאל עס פון דיין טאש.
(איך וועל ענדישער פארלירן דאס געלט אין א פובליק פאן ווי איידער דיר עס אהין צוגעבן)

אויב וועל איך אזוי יעדעם מאכן, וועל איך בלייבן אנע וועידזשעס סוף וואך,
(אהה, ווען איך וועל נעמען די וועידזשעס די וואך, וועל איך טיף אריינשמעקן די דאלארן מיט געשמאק וויסענדיג אז דארט ליגן דיינע פיר דאלאר)

נו נאר פאר מיר בעט איך דאך, נישט פאר יעדעם!
(פיפל איינער! אבער דאס טוסטו ביי צוואנציג געשעפטן אין שטאט, און אזוי ציסטו אויך אויף א דור פון קארגע פיגיס)

קוק אהער, דו מיינסט אז דו ביסט דער איינציגער וואס בעט?
(אזעלכע פרעגע ווי דיר מאכט זיך מיר טאקע וויייניג)

נו נו, איז קאל אן דיין באסס
איך קען נישט ער דאוונט אדער לערנט איך קען אים נישט שטערן
(איך קאל עם פופצן טויזנט מאל א טאג, ער לערנט נישט קיין אידיש ווארט, אבער פאר דיר וועל איך נישט שפארן חלילה קיין ליגנטס ווילאנג איך לעבן)

זארג דיך נישט ער קען מיר גוט.
(נאך בעסער קען ער דיין שלעכטע עריטאט, און דיין גראבע געשוואלענע בערזל, גלייב מיר דעי אייטעם וואס דו קויפסט איז נישט ווערט אפ' האלב דעם פרייז)

אבער איך קען נישט. און פאר א סיבה האט ער מיר געשטעלט דא, כדי אז אין זיינע פריוואטע צייטן זאל ער נישט ווערן געשטערט.

און יעצט ציט מען ארויף אזא איידעלע שמייכל, און תוך כדי דיבור סווייפט מען דעם קארטל פון דעם אנגעבלאזענעם דבר אחר.

**געפילטע פיש** • 27סטן אויגוסט 2012

„. . . אויסנוצער, נודזשעניאקעס, פוילע רוחות.“

האסט אויסגעלאזט גנבים.

**קלאר** • 28סטן אויגוסט 2012

דער קאסטומער איז טאקע דבר אחר

אבער איך מיין פארקערט איז אסאך ארגער

די וועג וויאזוי אינזערע געשעפט האנדלען מיט אינז איז אסאך ארגער

די קלייענטן דארפן ווען עפענען אן אייגענע אשכול

**No_name** • 28סטן אויגוסט 2012

איר זאגטעך גוט הרב טראק....

און מר. קלאר: היינט צוטאגס שטעלן זיך זייער אסאך געשעפטן צו צום קאסטומער, ס'איז נישט אזוי ווי ס'איז געווען אמאל. אזוי מיין איך, און איך ווען איינער וועט מיך באהאנדלען מיט אביסל א קרומער נאז וועל איך מער נישט איבערטרעטן דעם שוועל דארט.

---

קולטור • מוזיק און ביזנעס

# מוזיק אלבומ׳ס: ווי אזוי צאלט מען זיך אויס?

2011: יעדער קאפירט די סידיס, און א היימישע מוזיק־פירמע זוכט א וועג ווי אזוי עס זאל זיך לוינען ארויסצוגעבן אן אלבום. די ליינער – אריינגערעכנט א פאר פון דער בראנזשע – גיבן עצות.

פון **ה. פוקס, שמעלקא, נפתלי און אנדערע**

באלעבאס • ביזנעס קריעטיוויטעט • „מוזיק אלבומ'ס“ • יאנואר–פעברואר 2011
https://balboos.sites.tab.bot/a/173.html

**ה. פוקס** • יאנואר 2011

מוזיק אלבומ'ס

א באקאנטע היימישע מוזיק פירמע האט זיך פארבינדן מיט אונז פארצושטעלן א פלאן פאר די "בעל בית" ליינער וועלכע זענען ביזנעסלייט און הערן פון מאל צו מאל שיינע מוזיק אינמיטן די ארבייט.

די מוזיק אינדוסטריע ביים היימישן עולם האט געהאט גוטע און שווערע צייטן, יעצט האלט עס אויף א מצב אז פינאנציעל לוינט זיך נישט ארויסצוגעבן א מוזיק אלבומ. מענטשן פארמאגן היינט קאמפיוטערס און אייפאדס, דער עולם קאפירט די סידיס. און פאר יעדע סידי וואס פארקויפט זיך זענען פארהאן צען -אדער מער – מענטשן וואס פארמאגן עס אומלעגאל.

דא איז נישט דאס פלאץ אריינצוגיין אין די הלכה'דיגע און פיפטע שולחן ערוך חלק דערפון. די פירמע זוכט אבער פראקטישע וועגן אויסגעהאלטן פון א מארקעטינג פרעספעקטיוו, וויאזוי מענטשן וועלכע וועלן הנאה האבן פונעם אלבום זאלן צאלן די 16 דאלער, וואס קאסט היינט צו קויפן א סידי. און נישט ליבערשט דאס קאפיען פון א צווייטן.

שטודירן זיי א מהלך וואס שלאגט פאר אז די אלטע קאסעטעס "טעיפס", האלטן זיך פיל לענגער ווי סידיס, איבערהויפט אין די הענט פון קינדער. סידיס צוקריצן זיך זייער שנעל. די סיבה פארוואס מענטשן קויפן אבער סידיס איז צוליב וואס דאס איז פראקטישער, מען קען עס אנצינדן איבעראל, אין ארבעט, אין קאר און אינדערהיים. משא"כ א טעיפ וואס די וואס פארמאגן א טעיפ רעקארדער פארמאגן עס בלויז אינדערהיים.

וויל די פירמע איינפירן אז ביי יעדע אלבום וואס קומט ארויס זאל ווערן פארקויפט א סידי מיט א טעיפ צוזאמען, און אלעס פאר דעם זעלבן פרייז פו 16 דאלער. וואס דאס וועט זיכער זיין לתועלת אז די קינדער זאלן דאס קענען האלטן אינדערהיים פיל לענגער, און די סידי וועט די טאטע מיטנעמען אין ארבעט רואיגערהייט.

פאר א מענטש וואס קען באשטיין אז זיינע קינדער זאלן הערן דעם ספעציפישן אלבום נאכאמאל און נאכאמאל, און פארמאגט א טעיפ רעקארדער אינדערהיים, וועט זיך זיכער לוינען צו קויפן און נישט צו קאפיען. א טעיפ קען מען דאך נישט קאפיען.

אונז פערזענליך איז גראדע געפאלן די רעיון. זיי זענען אויסן צו הערן פון די ליינער צו דאס קען זיך אויסארבעטן, אדער אנדערע פארשלאגן.

**שמעלקא** • 31סטן יאנואר 2011

דאס איז אן אינטערעסאנטער און וויכטיגע נושא. לפענ"ד איז אבער דער רעיון נישט פאסיג, צוליב עטליכע אורזאכן.

רוב מענטשן האבן שוין נישט היינט קיין טעיפ-רעקארדערס (קאסעטע שפילערס), נישט אינדערהיים, און אודאי נישט אין אויטא אדער אנדערע פלעצער. די געציילטע וועלכע האבן נאך יא, איז בלויז א פראגע פון צייט ווילאנג נאך זיי וועלן זיך שלעפן דעמיט, ביז עס וועט גיין דעם זעלבן וועג וואו רעקארד פלעיערס זענען אנגעקומען. די קאמפאניס טוען דאס שוין כמעט נישט פראדוצירן, און די געשעפטן כמעט נישט פארקויפן, וא"כ מאי הועילו חכמים בתקנתם.

חוץ מזה, פארוואס זאל דאס אפשטעלן די אומלעגאלע נאכגעמאכעכץ, ווילאנג עס קומט מיט א סי.די. קען מען דאס קאפירן, און די מוציאים לאור זאלן ליידן שאדן פונקט ווי פריער. אדער נאך מער פון פריער, ווייל זיי וועלן אצינד צוצאלן צוצולייגן א טעיפ!

און פארוואס שרייבט איר "א טעיפ קען מען נישט קאפיען"? אודאי קען מען קאפיען, און יעדע טעיפרעקארדער קומט מיט אזא אפציע!!

עס איז באמת א שווערע שאלה וואס מען קען טון צו דעם פראבלעם. יעדער שמוגער גיט היינט ארויס טעיפס, און דער עולם קען זיך נישט ערלויבן צו צאלן אזויפיל געלט, ע"כ איז דא די אנדערע עצה – קאפיען פאר אומזיסט! אפשר זאל זיך טאקע אפשטעלן די פארפלייצונג פון טעיפס. מ'דארף נישט יעדעס יאר 100 נייע. ס'איז גענוג 10.

[פארקירצט]

**ישראל שלמה** • 31סטן יאנואר 2011

איך שלאג פאר אן אנדערע עצה, אז די קאמפאניס זאלן ארויפלייגן א פעי-פאל אקאונט ווי מען קען אריינשיקן געלט צו באצאלן. און מען זאל באשטימען א צוגענגליכן פרייז פער אלבום (לאמיר זאגן 5 דאלער) און מען זאל מפרסם זיין אז מען גיט נישט רשות צו קאפיען, אבער אויב מען האט יא געקאפיט קען מען צופרידן שטעלן דעם מוציא לאור דורך באצאלן כנ"ל.

דאס וועט זיין כולו ריווח, ווייל עס וועט נישט אראפגיין קיין געלט פאר דיסטריבוטארס, געשעפטן, קאפיען, פרינטן סידיס און לעיבלס.

אפשר וואלט געווען אן עצה דאס צו טרייען קודם דורך ארויסשיקן א סעמפל סידי, און אדווערטייזן אז מען האט רשות דאס צו דאונלאודן, און הערן 5 מאל, און אויב עס געפעלט אייך, געבן מיר רשות עס ווייטער צו הערן, בתנאי אז איר שיקט אריין די 5 דאלער.

**מנחם** • 1טן פעברואר 2011

די איינציגסטע עצה איז, קוק ווי אזוי דער גוי מאכט געלט און מאך עס נאך, אז מ'קען נישט הייבן די הכנסות, שנייד מען פון די הוצאות, אויך זוכט מען נייע וועגן פאר הכנסות.

וואס טוט מען.

גיבט ארויס איינס צוויי ניגונים אויף אמאל, איר מיזט נישט דערלייגן אויף 15 אויפאיינמאל,

די איידיע איז, ווייל א גאנצע טעיפ אויב איינער האט נישט ליב איין ניגון וועט ער שוין נישט קויפן די גאנצע טעיפ, און דאס איז אסאך שטערקער ווי די סברא אז אויב איינער האט ליב איין ניגון וועט ער שוין קויפן די גאנצע טעיפ.

די איינצעלנע ניגונים וואס איר גיבט ארויס זאל זיין אדעווערטייזט און עוועיבל צו הערן א פריוויו און דאונלאדן ON THE SPOT.

די איידיע איז, וויבאלד איין ניגון קאסט נישט קיין סאך וועט א מענטש נישט ארומלויפן זוכן ווי ער קען עס קאפיען, ער קען דאך עס האבן ליגעלי פאר 99 סענטס.

אמת עס וועלן אלס זיין איילצעלנע גנבים וואס וועל קאפיען אן איבערגעבן פאר אנדערע אבער ער קען דאס דאך נישט טוען אויף א מאסן פארנעם ווייל דעמאלט וועט ער אדער באצאלן אדער גיין און חד גדיא אריין.

[פארקירצט]

**נפתלי** • 1טן פעברואר 2011

צו אנאנים און מנחם:

ביידע אייערע קאמענטארן האבן איין תירוץ; פאקט ווייזט אנדערש. לגבי ערליכע סידים, האבן די וואס האבן זיך געהאלטן צו חסידיש פארקויפט גאר ווייניג, מיטן אויסנאם פון ממש געציילטע טעיפס-סידיס. רובא דרובא פארקויפן נישט מער ווי 2-4000. 5000 איז שוין שיין. ווידער ביי די אנדערע קען מען רעכענען פון 7000 און ארויף ביז 10-12- און אפילו 15-20,000. און טאקע דער זינגער וואס איר דערמאנט האט פארקויפט פון דעם איצטיגן כמעט דאפעלט (!) פון סיי וואספארא סידי ער האט ארויסגעגעבן בעפאר, און מיט דעם וואס היינט מאכט מען מער קאפיעס.

אויך האט מציאות באוויזן אז איין-צוויי טרעקס פארקויפט זיך נישט. אפילו פאר 99 סענט. לכאורה ווייל מענטשן קוקן עס אן ווי עפעס וואס האט נישט א ממשות, און וועלן עס ענדערשער קאפיען

**מוזישאן** • 1טן פעברואר 2011

איך בין אויך אין די ליין, און אזויווי מען האט שוין דא ארויסגעברענגט עס איז בכלל נישט אזוי פשוט אויפצוקומען מיט אן איידיע, אז עס וועט זיין א טעכניקעל סעלושען אין דער גוישער וועלט פאר דעם (ווי למשל אז עס זאל זיין אריינגעבויט אין דעם פייל אז מען זאל עס נישט קענען אראפנעמען פון די סידי א.א.וו.), וועט עס זיין אין דער אידישער וועלט אויך. יעצט מוטשעט זיך די גוישע וועלט אויך, אבער פארשטייט זיך אז דארט איז דער מארקעט פיל גרעסער, ממילא דערלייגט מען נישט אזוי סאך.

איך האב א שטיק צייט אנגעהויבן צו טון אז מען זאל טיילן בחינם א סידי יעדע שטיק צייט פון די שענסטע בעלי מנגנים אויף דעם היימישן מארקעט, מיט פרישע ניגונים, פרישע ארעידזשמענטס, אלעס פריש ארויס פון אויוון, מען זאל עס טיילן אין די צענדליגער טויזנטער, געגנצליך בחינם! איי וויאזוי מאכט מען געלט?

איר האט צוגעטראפן: פון אדווערטייזמענטס.

האלט איר נישט אז דאס קען זיך אויסארבעטן?

דער אמת איז די זינגערס אליינס קענען עס אויך טון, מען דארף נישט צוקומען צו מיר. אבער אזוי אז עס איז דא איין צענטראלע פלאץ פאר אסאך זינגער, און די סידי קומען מיט א געמיש פון אלע ערליי בעלי מנגנים און ניגונים, קען זיך עס אסאך בעסער אויסארבעטן.

**יואלי** • 4טן פעברואר 2011

טיילן אומזיסט איז נישט גוט ווייל ס'מאכט ביליג די זאך

מ'קען בעטן אביסל ביליגער לכבוד די רעקלאמעס

הומאר

# וואס טוט מען נישט פאר פרנסה

ירוחם יאזעפאוויטש און זיין ווייב באשליסן אז ער מוז זוכן א דזשאב. דער ערשטער טייל פון א פעליעטאן אין דריי טיילן.

פון **זאלצוואסער**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „וואס טוט מען נישט פאר פרנסה חלק א‟ • 5טן דעצעמבער 2012
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/139.html

זיצט מיין חבר'ל ירוחם יאזעפאוויטש אזוי געמיטליך ביים נאכטמאל און שמועסט מיט דער אידענע אוןביידע קומען אן צו א געמיינזאמען באשלוס אז מ'דארף זיך נעמען זוכן א דזשאב, עס איז נישט קיין תכלית עס קומען צייטן זי וועט שוין נישט קענען שלעפן דעם עול הפרנסה און מ'דארף עפעס זען צו טון. ער שטרענגט זיך אן און מאכט זיך כאילו עס איז אים יעצט ארויף געפאלן א שווערער לאסט אויפן קאפ, כאילו ער פארשטייט וואס זי רעדט, און אוואו איינער זאגט, אוי וויי! תורה מה תהא עלי', נו שוין אז מ'מוז מוז מען. גיי מיר זוכן א דזשאב...

דאס ערשטע זאך זאגט ער, נאך ערנסט פונעם ערשטן קנייטשעריי, מוזן מיר אנהייבן צו קויפן אלע צייטונגען, כאטש וואס ביז היינט האמיר עס נאר גלעיינט ביי די שוויגער הייזער, ווייל:

וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה?

דאס צווייטע זאך מוזן מיר אנהייבן שוין צו מאכן שינויים אין שטוב, כאטש וואס קיין גרויסן ווירטשאפט האמיר נאכנישט אבער אזוי ווי מ'רעדט דא פון אן ארבעטס יונגערמאן וואס קומט אהיים צומוטשעט און צעקוועטשט מוז מען שוין רעכענען אז א קאוטש מוז ווערן אריינגעצויגן אין שטוב, און אין ערגסטן פאל א ריקליינער, ווייל:

וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה?

דאס ווייבל קוקט אזוי פארוואונדערט און פארקימערט, וואס גייט פאר מיט אים? זי ארבעט שוין 2 יאר און גארנישט, אלעס איז מסודר געווען, נישט קיין קאוטש נישט קיין ריקליינער, אבער וואס ווייסט זי דען? זי פרעגט קיין קשיות, און הערט זיך ווייטער צו מיט בייז וואונדער ווייל:

וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה? (שלום בית)

ירוחם זעצט פאר און ער גייט אן מיט אן אימפעט איבער די נאכפאלגענדע פלענער וואס ער פלאנירט אלס צו טון. ער שטעלט אראפ געוויסע גאר שטארקע פרינציפן.

נומער איינס זאגט ער מיט א הויכפייפענדיגן טאן, ווער איך נישט אננעמען קיין דזשאב אינטער 850 צום אנהייבן, און (שטילערהייט אז קיינער זאל נישט הערן זיינע ווילדע פלענער לייגט ער צו) דאס איז נאר צום אנהייב, אויב דו ווייסט וואס איך מיין. אן אינגערמאן ווי מיר, נישט אז איך וויל זיך גרויס האלטן אדער וואס, איך דארף דאך זיין רעאליסטיש, באקומט דערנאך א רעיז וואס גייט ארויף ביז 1250 נאך שנעלער ווי די זון גייט אויף צופרי.

נומער צוויי: איך בין אלס געוועזן באקאנט אלס וואויל לערנער, און ב"ה אז מ'האלט מיר דא, אבער איך נעם נישט קיין בלו קאלער ארבעט, איך בין פשוט נישט געמאכט דערפאר, עס איז נישט פאר מיר, און איך קען נישט שלעפן באקסעס, דרייוון טראק'ס, אדער אזוינע זאכן וואס זענען מכלה נפש עד גאל ישראל.

נומער דריי: מוז איך מיך גוט אינטערסירן איבער די בעלי בתים, און מיין נישט מיין טייערע איך וועל די בעלי בתים פארהערן בעפאר צו זען צי זיי זענען פון דעם סארט וואס איך פארטראג, איך פארטראג נישט קיין בעלי גאה, און בכלל די עקלדיגע עשירים וואס מיינען די וועלט איז זייער'ס און טוען נישט שעצן זייערע ארבעטער'ס. איך וועל מיך אין אזא עסק ביש נישט אריינלייגן, איך זע דאך וואס מיין בורדער פייבוש גייט מיט איף יו נאו וואט איי מיען.

דאס אשת חיל שטייט און שטימט צו מיט שטאלץ! יא איר ירוחם, דער איז א זעלבסטשטאלצער אינגערמאן, א פלעזשור צו זען זיין דרייסטקייט, און זיווארט מיט שפאנונג אויף נומער 4.

וואו האלט איך פרעגט ירוחם מיט שנעלקייט, ווען זיינע ליפן שאקלען זיך צו זיין גרייט גלייך צו גיין ווייטער אן קיין הפסק ווי נאר ער דערמאנט זיך ביי וועלכע נאמבער ער האלט.

יא נומער 4: איך וועל אויך נישט מאכן די מיסטעיק וואס מיין טאטע האט געמאכט, ער האט אנגענומען א דזשאב פארן געהעריג אויסשמועסן וואס די פאטענטשעל איז, און נאך היינט ארבעט ער שוין 40 יאר אויפן זעלבן פלאץ, און וואס איז געווארן פון אים? גארנישט! ער פלאגט זיך פונקט ווי אמאל. מיין ציל איז נאך 10 יאר זיך צוריק צו זעצן אין כולל און אויסלערנען די יארן, איך מוז וויסן מיין פאטענטשעל... נישט קיין פאטענשל נישט קיין דזשאב...

נומער 5: אה פאר איך פארגעס, עס קען נישט זיין אינדרויסן פון וומסב"ג איך גיי נישט טרעוועלן יעדן טאג ווי די אלע פארלוירענע נשמות וואס לויפן כאפן דעם באס יעדן טאג, איך האב געהאט גענוג דערפון אין חדר, און קיין קאר וויל איך נישט דארפן פארקן יעדע נאכט.

אזוי זיצט ירוחם אויפן בענקל אין קיך און איז מסביר בטוב טעם ודעת פאר זיין אידענע וועלכע שטייט פארלוירן פאר דער חכמה פון איר מאן און איז נתפעל פון די דרייסטע כללים וואס ער שטעלט אראפ, און זי רופט אויס מיט פאטאס: יויש ווי געראטן, איך בין מיר געווארן א טיטשער אן די אלע כללים און ערשט יעצט זע איך ווי נאריש איך האב געהאנדלט....

זי לייגט צו א שטיקל אייגענע חכמה און טענהט צו ירוחם'ן: מ'מוז גיין מאכן א רעזומעי! אן קיין רעזומעי איז קיין דזשאב נישט פארהאנען, אזוי האב איך געהערט אויף אן אינטערוויו אויף קול מבשר קלאר פון איינעם א גרויסער מבין אין פרנסות.

ירוחם זאגט, ער איז מסכים צו א רעזומעי אבער ווי וועט מען עס האלטן אין דער קליינער דירה דא אין ווילאמסבורג?

דאס ווייבל פוילט זיך נישט און איז מסביר וואס מיינט א רעזומעי, און יעצט אז ער פארשטייט שוין איז אלעס פארענטפערט און דאס געשפרעך גייט אן מיט גרויס אימפעט.

אויך דארף מען שוין רופן די ארבייטס פארמיטלונג פון אלע ארגעניזעשאן'ס נישט קיין חילוק וועלכע מוסד אדער קהלה, איך קען נישט יעצט שפילן קיין פאליטיק'ס מ'מוז אנווענדן אלע מיטלען. ווייל:

וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה?

דאס געשפרעך האט אנגעהאלטן און איך געדענק נישט פונקטליך צו וויפיל כללים ופרטים עס האט דערגרייכט און מ'גייט שוין זיך לייגן, און ירוחם לייענט קרי"ש בכוונה, און לייגט זיך שלאפן.... און קען נישט איינשלאפן.....

ער זעט אלע זיינע כללים צופאלן אים ווי א זייפן בלאז אין חלום און אין דמיון, ער זעט זיך דורכפאלן אויף טריט און שריט, ער שוויצט פאר שרעק.....

.... פלוצלינג דערזעט ער זיך 10 יאר עלטער, פאראארעוועט פארקנייטשט, מיט א ריזיגן הויזן טראגער שלעפן א בלויע הויז מיט א 3 טפחים'דיגן אינטש מעסטער און א ריזיגן באנדל שליסלעך, און שיך מיט גראבע בענדלעך וואס נאר די קאן עדיסן גרעבער'ס טראגן וכו'. ער שפירט ער כאפט א נערוון בראך.... על הנער הזה התפללתי?

פון דער אנדערער זייט שטוב ליגט די אידענע און פרובירט איינצושלאפן און קען בשום אופן נישט פארשלוסן קיין אויג, זי זעט זיך אפווארטן אן אויסגעמוטשעטן אפגעשטויבטן אינגערמאן מיט א פארברענטן הוטל האלב אפגעגאלטן קדחת אויפן קאפ, און ברילן צוגעבינדן מיט א בענדל, און א קאטענעם ציצית אינטערן קאטענעם העמדל מיט קליינע געלע ציצית שטעקן זיך ביי די זייטן וכו' וכו' (צו שרעקעדיג ממשיך צו זיין)

און אזוי צוביסלעך זענען זיי איינגעשלאפן און קוים געווארט אויפן קומענדיגן טאג ווען מ'קען זיך ארויסזען פון די קאשמארישע חלומות.

ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד (אן אויסגעצויגענעם אחאאאאאאאד)

אינדערפרי כאפט ירוחם דאס טלית בייטל, און דאס מאל האלט ער עס נישט פארנט מיטביידע הענט ווי געוויינליך ער גיט עס א פארווארף אינטערן לינקן ארעם מעשה ארבייטער, (וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה?) און שטעלט גסות'דיגע טריט, נישט פאר גאוה ח"ו נאר נישט צו פארשעמען די תורה קלאס אידן, מוז ער עטוואס זיך פאראייניגן מיט דער ארבייטער פארטיי.

ער קומט אין ביהמ"ד און דארט ווי יעדר שטייט און לייענט אלע צעטלעך אין א רייע, ווי געוויינליך גיט ער א שנעלן בליק ווי איינער וואס אינטערסירט בכלל נישט א מוסד על טהרת הקודש וואס גייט אונטער, אדער אז ווייסהויז דרייגוד'ס מאכט שוין ווייטער א סעיל אויף רייף'ס פאר מיידלעך אא"וו, ער טייטלט מיטן פינגער און קוקט אונטער הוטן העכער אקסלען ווי א חכם וואס ווייסט וואס ער זוכט, ער ווערט בכלל נישט באאיינפלוסט פון די רוישיגע קאלירטע צעטלעך.

ער שטעלט אפ זיינע בליקן אויף א לוח המודעות ווי עס שטייט עפעס וועגן אן אפארטוניטי, ער דרייעלט שוין 2 אויפן טעלעפאן עס גיט א דירעקטן פארבינדונג אהיים, ער האט נישט קיין צייט אפילו מיט צו זאגן מיט דער קדושה וואס מ'הערט ארויס פון שטובל, ער האט דאך אן אחריות דא, עס איז נישט קיין קלייניקייט, עס איז זיין אויפגאבע, ווייל:

וואס טוט מען דען נישט פאר פרנסה?

עס קלינגט... עס קלינגט.... און נאך לאנגע ווארטענישטן הייבט זי אויף און מיט א פארשלאפענע שטימע פרעגט זי דערשראקן: יא? וואס איז? אזוי פרי? עפעס פאסירט?

הער נאר!!! אויב יעדע מאל ווען איך קאל וועסטו מיך לאזן אזוי הענגען ווער ווייסט צי איך וועל אמאל אנקומען צו א גוטע ארבעט, מ׳קען קיינמאל נישט וויסן, יעדע מינוט קאונט... שרייב אפ די נומער, און קאלל זיי שוין, עס רעדט זיך פון עפעס אן אפפארטוניטעטי, איך מיין דאס האט עפעס צו טון מיט א פארמעסי, עניוועי, מ׳דארף אלעס הערן, מ׳קען קיינמאל נישט וויסן, אפשר איז דאס גאר געווען באשערט איך זאל עס זען אזוי פרי אין ביהמ״ד קיינער זאל מיך נישט קענען אויסכאפן.

שוין יעצט? קאלן? 7:00 צופרי?

יא לאז א מעסעדזש! זיי דארפן מיך וויכטיגער.... זעסט דאך איך האב נישט ארויסגעלייגט קיין צעטל... זיי האבן געלייגט.

נו וואס רופסטו נישט אליינס? אנשטאט מיך אויפוועקן צו רופן? (דאס האט זי נאר געטראכט...)

פארשטייסטו מיך? איך האב זיי נישט געוואלט אליינס רופן, איך האב א כלל אין ביזנעס, איך רעד נישט פארן דאווענען פון ביזנעס, נאר וואסזשע דען א דבר האבוד מאך איך אשינוי און איך בעט דיך צו קאלן. איז ער מסביר בטוטו״ד מיט זיין גמרא קאפ.

ער שטייט ווייטער מיט א פעדער ער נעמט א ״דבר יום ביומו״ א ״גוט מארגן״ א ״קלאסיפייד׳ס״ א ״לוח המודעות״ אן אשת חיל״ וכו׳ וכו׳, אלע טעגליכע קלאסיפייד עד׳ס, און לייגט זיי צוזאמען אין זיין זייטיגן ראק טאש, דארט האלט ער אויך זיין דעניש פאר לאנטש אין כולל, סאו וועט ער עס זיכער נישט פארגעסן צו לייענען, און מ׳לויפט אין מקוה.

אזוי צווישן אויסטון דעם וועסטל מיטן טלית קטן, פליהען אים די מחשבות אוועק, און ער טרעפט זיך לייענען די צעטלעך אן קיין בושה אין מקוה. עה וואס איז דען עס איז נארמאל פאר אן ארבייטס אינגערמאן. ער זיצט שוין ווען ער טוט זיך אויס די שיך ווי אן אויסגעמוטשעטער בעל בית, און ער קרעכצט אונטער ווען ער הייבט זיך אויף צו ארויף לייגן די ציצה אויפן הענגער און ער שפילט א ראלע ערשט קלאסיג.

(זאגט מיר נישט אז איר האט געמיינט איך גיי אייך אראפשפילן זיין גאנצן טאג, איך האב קיין צייט און געדולד דערצו, איך האב דער עיקר געוואלט איר זאלט כאפן די נקודה, אז ״ער איז שוין א גאנצער ארבייטער״)

עס רוקן זיך די טעג, מ׳רופט אן אהער און אהין, מ׳זוכט א דזשאב, אדער א פאסטן אדער א קאריערע, אבי עפעס.

און אט פאנגט זיך אן דאס ריכטיגע.

מ׳גייט אויף אינטערוויו׳ס, מ׳שיקט רעזומעי׳ און מ׳באקומט אפפער׳ס.

אפפער׳ס? נישט ממש, אבער מ׳מיינט צו זאגן מ׳באקומט רשות אראפצוקומען און פרובירן צו טרעפן א געלעגנהייט צו כאפן דעם מענעדזשער פאר אן אינטערוויו אויב ער איז נישט צו פארנומען וכו׳

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך וועגן געלט: עצות ווי צו שפארן, א חשבון פון איין איי, א בריוו צו בעלי חובות און א זייגער.

## א בריוו צו מיינע בעלי חובות

**:Ky Bucher**

מיין טייערע פריינט

איר געדענקט איך האב אייך צוגעזאגט צו באצאלן דעם זונטאג? יא! איך האב געווארט אויף א גרויסן דיעל דורכצוגיין, ביזדערווייל האט עס עפעס א שיכור אין פלארידא באקומען. און איך בין מיט 600 מיליאן דאללער וויניגער ווערט.

אויב דארפט איר דאס געלט מוזט איר ווארטן אויף מיטוואך ווען איך האב א פרישער דיעל פון 40 מעלאנע'ס וואס דארף דורכגיין. אדער קענט איר קאנטאקטן מיין קאמפעטישן אין פלארידא.

זאלצוואסער • 19טן מאי 2013
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/347.html

## א זייגער פאר פרנסה

**:zaltzvaser**

וואס טוט איר פאר פרנסה? פרעגט מיך א גוטער פריינד.

וואס הייסט דאס וואס? איך ארבעט מיט'ן א גאנצן טאג.

און וואס טוט איר? פרעג איך צוריק, נישט ווייל איך וויל וויסן נאר עס פאסט דאך צו פרעגן.

איך רוק דעם זייגער! קומט אן ענטפער.

איך ווער שוין נייגעריג! זאגט נאר מ'רוקט דעם זייגער ביי אייך מער ווי 2 מאל א יאר?

אודאי. יעדע מינוט אביסעלע ביז עס הייבט זיך אן פון דאסניי.

וואס הייסט דו רוקסט? דיין זייגער רוקט זיך נישט אליינס? איז עס צעבראכן מיין פריינט!

קוקט ער מיך אן ווי א לבנה געפאלענער און פרעגט! און דיין פרנסה רוקסטו יא? אדער עס רוקט זיך פון אויבן.

עס האט מיר געגעבן חומר למחשבה!!

זאלצוואסער • 28סטן פעברואר 2013
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/274.html

## ווי אזוי שפארט מען?

**פאריז:**

דריי מאל א וואך נעם איך פרישטיג פון דערהיים וואס מיין ב"ב גרייט מיר אן,
איך קויף נישט די איד/בלאט/נייעס באריכט/מעלות/שטערן/זמן/שפאקטיוו/בליץ/מיין ווייב קויפט זיך איין ענגלישע אויסגאבע,
איך לייג טעפס אויף מיין און מיינע קינדער'ס שיך {אלד פעשענד} עס שפארט צו קויפן נייע שיך

**דער (פינטעל) איד:**

איך שפאר געלט מיט נישט געבן גאז ווען כ'זע שוין דעם רויט לייט, אנדערש ווי רוב "גרויסע טאטעס" וואס דרוקן די פיס אויפן גאז פעדעל ביז דע לעצטע רגע און מאכן שארט סטאפס און נאכדעם רעדן זיי זיך אפ אז זייער טרעקל פרעסט גאז.

**הבא ללמד:**

איך לייג אריין מיין עיקר מחשבה ווי אזוי צי מאכן א דאלער נישט ווי צי שפארן א דאלער!

**שמעקעדיג:**

איך האב לעצטנס געקענסלט מיין סובסקריבשאן צום "עונג שבת"

**berlbalaguleh:**

שמעקעדיג: אזוי שפעיט?! איך האב עס שוין געקענסלט דרייסיג יאר צוריק!!!

קאווע שטיבל • „דערציילט אייערע געלט שפארזאם געשיכטעס און עצות“ • 8טן-9טן דעצעמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5383.html

## דער חשבון פון איין איי

**berlbalaguleh:**

א מאן, לאמיר איהם אנרופן ר' יאנקל האט געהאלטן אין זיין האנט אן איי פון א טשיקן. און ער האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב שרה. דו זעסט אט דעם איי. פון דעם איי וועט ארויסקומען א טשיקן. און די טשיקן וועט לייגן נאך אייער. און די אייער וועט אויך ווערן טשיקנס. ביז אונז וועלן שוין האבן א גאנצן פארם פון טשיקנס. וועל איך פארקויפן א פאר טשיקנס און איינהאנדלען א קעלבל. דער קעלבל וועט גרויס ווערן און געבוירן נאך א פאר קעלבלעך און די קעלבלעך וועלן ווערן קוען און געבן א סאך מילעך. און אונז וועלן פארקויפן א סאך מילעך און פארדינען א סאך געלט. און מיט דעם געלט וועלן מיר בויען א שיינע הויז און ארייגלייגן די טייערסטע פוירניטשור. רופט זיך אן דאס ווייב איך וויל נישט דעי פוירניטשור. און דער מאן זאגט איך וויל יא...און זיי האבן זיך אנגעהויבן קריגן. נאכדעם איז מען אריבער צו שלאגן זיך מיט די הענט. און די איי האט זיך צו ברכן....

קאווע שטיבל • „דערציילט אייערע געלט שפארזאם געשיכטעס און עצות“ • 21סטן אפריל 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5383.html#p268404

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 21סטן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל וועגן באסן: א סטרייק און א מאנאפאל.

19

יאר צוריק

2007

## בארא פארק וויליאמסבורג באס

**עבדעברי43** • הײדפארק • כל העולם כולו • 21סטן דעצעמבער 2007

מיינע טייערע אידישע ברודער בני אברהם יצחק ויעקב הי"ו

[פארקירצט]

עס איז לעצטענס געשטאנען בריוון אין איינעם פון די חרדישע וואכענצייטונגען וועגן די עוולות וואס די פירערס פון די בארא פארק וויליאמסבורג באס טוט קעגן דעם היימישן עולם. זיי זענען פוסע על ראשי עם קודש במלא מובן המילה.

איך גיי נישט אריין אין דעם וואס יעדע ביזנעס און אפילו רעביסטעווע האט שוין היינט א קאמפיטישאן. וואס דאס איז א טובה פארן ציבור. אבער די איינע זאך "בארא פארק וויליאמסבורג באס" האט א מאנאפאלי אויף דעם רוט און אויף אנווערע יודן וואס האבן נישט קיין קארס און מאכן דורך דעם וועג אונטער אוממענטשליכע אומשטענדן אויף אלטע פארפוילטע באסעס אן קיין נארמאלע הייצונג אין ווינטער און אן קיין עירקאנדישאן זומער. חוץ דעם וואס רוב מאל איז נישט אמאל דא וויא צו זיצן ער שטופט צוזאמען מענער מיט פרויען מיט קערידזשעס ערגער וויא סערדינס אין די שאכטלעך.

[פארקירצט]

א. מענטשן שטייען אין דעם פראסט און היץ אוןווארטן אויף א באס. נאכדעם ענדליך קומט אן א געפאקטער באס און סטאפט ניטאמאל. און ער שיקט נישט בכלל א צווייטן באס. וואס דעמאלס בשעת מעשה זעט מען וויא די גויישע שטאטישע נייע באסעס באקוועם פארן זיך איינס נאכן צווייטן כמעט ליידיג.
ב. טאמער ער סטאפט יא קען מען רוב מאל ניטאמאל ארויפגיין ווייל עס איז ניטאמאל דא וויא צו שטיין.
ג. דער רעדיא קנאקט אויף די העכסטע טענער אז עס זעט אויס וויא עפעס א באלאגאן.
ד. נישט קיין נארמאלע איר קאנדישאן. און נישט קיין נארמאלע הייצונג.
ה. אלטע פארפוילטע באסעס וואס שאקעלט אויף די מענטשן ערגער וויא דעם לולב להבדיל ביי די נענועים.
ו. דער עולם ווערט געשמיסן און געווארפן ביי יעדן סטאפ אזוי וויא להבדיל די הושענות.
ז. עס איז פשוט א סכנה צו פארן מיט אזעלכע אלטע באסעס וואס דארפן שוין לאנג ארייגעווארפן ווערן אין טייך אזוי וויא די אלטע ניו יארקער סאבוועי טרעינס.

[פארקירצט]

יעדער איינער ווערט געבעטן צו שרייבן זיינע מחאות קעגן די באס קאמפאני. און דורך דעם וועט מען קען שנעלער אויפטון לטובת ישראל.

https://hydepark.sites.tab.bot/t/2333014.html

21
יאר צוריק
2005

## סטרייק אנגעהויבן

**טאגליכט** • הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 21סטן דעצעמבער 2005

אפשר קען מיר איינער מסביר זיין, אמעריקע פארמאגט, מיליאנען סאלדאטן, א האלב מיליאן דערפון זענען אין איראק, די איבריגע מן הסתם דאהי אין אמעריקע, יעצט צו קענען טראנספארטירן די מיליאנע סאלדאטן פעלט דאך אויס טויזענטער באסעס אין א יעדע באס ברויך דאך האבן א דרייווער, אפשר נישט? זאל די שטאט אנכאפן די אלע סטרייקענדע באס דרייווערס, און שיקן לעזאזל, נעמען די מיליטערישע דרייווערס, און דערווייל אויפנעמען פרישע ארבייטער'ס.

פארוואס זאלן נישט מיר אמעריקאנער אויך הנאה האבן פון דעם מיליטער?

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1723077.html

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס צי ארבעטן איז א לכתחלה (זעט „א שמועס פון דער וואך“) האט „Wolf“ געטענהט אז אסאך אינגעלייט זענען פארנומען מיט ביזנעס־דמיונות, אבי נישט צו ארבעטן ווי אלע. „מעכל“ האט געענטפערט:

> אויב רעדט מען פין דמיונות, מאכן דעם בעל-בית איז נישט קיין דמיון?

**מעכל** • באלעבאס • 1טן נאוועמבער 2010

https://balboos.sites.tab.bot/a/128.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „אונזער מצב הפרנסה: עד שתכלה פרוטה מן הכיס“ · **שמעקעדיג**<br>קאווע שטיבל · גזועלשאפט · אשכול „אונזער מצב הפרנסה: עד שתכלה פרוטה מן הכיס“ · 29סטן יולי 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6877.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה?“ · **מתתי' גראס, יידל, שמעלקא און אנדערע**<br>באלעבאס · פון מיין אפיס פענסטער'ל · אשכול „איז ארבייטן און ברענגען פרנסה א לכתחלה?“ · 1טן–22סטן נאוועמבער 2010<br>https://balboos.sites.tab.bot/a/128.html |
| **וויסנשאפט • חשבון** | „לאמיר רעכענען“ · **קרן עזה, שמעלקא און אנדערע**<br>באלעבאס · אידיש געלט · אשכול „לאמיר רעכענען“ · 3טן–6טן יאנואר 2011<br>https://balboos.sites.tab.bot/a/184.html |
| **היסטאריע • ביזנעס** | „קאדעק: דאס שווארץ בילד“ · **יוחנן שיף**<br>באלעבאס · אנאליז · אשכול „קאדעק: דאס שווארץ בילד“ · פעברואר 2012<br>https://balboos.sites.tab.bot/a/348.html |
| **איבערלעבונגען** | „וואס דער פארקויפער טראכט ביים קאסע“ · **פרוקער טראק און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · גזועלשאפט · אשכול „געשעפט אייגענטומער/ארבעטער, גיסט אויס אייער פארביטערטקייט“ · 27סטן–28סטן אויגוסט 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1659.html |
| **קולטור • מוזיק און ביזנעס** | „מוזיק אלבומ׳ס: ווי אזוי צאלט מען זיך אויס?“ · **ה. פוקס, שמעלקא, נפתלי און אנדערע**<br>באלעבאס · ביזנעס קריעטיוויטעט · אשכול „מוזיק אלבומ׳ס“ · יאנואר–פעברואר 2011<br>https://balboos.sites.tab.bot/a/173.html |
| **הומאר** | „וואס טוט מען נישט פאר פרנסה“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „וואס טוט מען נישט פאר פרנסה חלק א“ · 5טן דעצעמבער 2012<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/139.html |
| **היינט מיט 19 יאר צוריק** | „בארא פארק וויליאמסבורג באס“ · **עבדעברי43** · היידפארק · כל העולם כולו · 21סטן דעצעמבער 2007<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2333014.html |
| **היינט מיט 21 יאר צוריק** | „סטרייק אנגעהויבן“ · **טאגליכט** · היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 21סטן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1723077.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א בריוו צו מיינע בעלי חובות“ · **Ky Bucher** · זאלצוואסער · 19טן מאי 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/347.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א זייגער פאר פרנסה“ · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · 28סטן פעברואר 2013<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/274.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווי אזוי שפארט מען?“ · **פאריז / דער / הבא ללמד / שמעקעדיג / berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · „דערציילט אייערע געלט שפארזאם געשיכטעס און עצות“ · 8טן–9טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5383.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דער חשבון פון איין איי“ · **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · „דערציילט אייערע געלט שפארזאם געשיכטעס און עצות“ · 21סטן אפריל 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5383.html#p268404 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **מעכל** · באלעבאס · 1טן נאוועמבער 2010<br>https://balboos.sites.tab.bot/a/128.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 24סטן דעצעמבער – נומער 19, אויף פרשת ויחי; מאנטאג, דעם 28סטן דעצעמבער – נומער 20

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.